# זשעלעכאווער בולעטין

צווייטער יאָרגאנג נומער 5 שיקאגאָ מאַי 1950 סיון תשי

## אונזער בולעטין.

עס קומען אריין פארשידענע בריוו מיט אָנווייזונגען, פראגעס און אויס־צייכענונגען קעגן געוויסע מיינונגען וואָס ווערן אויסגעדרוקט אין געוויסע ארטיקלען און אזוי ווי מיר גלויבן, אז מאנכע פריינט האָבן אין זייערע בריוו אָנגערירט פונדאמענטאלע פרינציפיעלע פראגעס, וועלן מיר דערייבער אנשטאט ענטפערן איינצלנע באזונדער, אהערשטעלן די פראגע עפענטלעך און זיך מיט אייך דורכשמועסן.

קודם כל מוז מען פארשטיין און געדענקן, אז אונזער אָרגאניזאציע אָדער לאנדסמאנשאפט, געזעלשאפט איז נישט קיין פאליטישע גרופע אָדער פארטיי נאָר הויפטזעכלאך א ריין חברהשע פאראייניקונג פאר קעגנזייטיקע הילף העלפן אלע אונזערע וואָס דער ביטערער גורל האָט זיי געהאלטן יאָרן אין א קלעם פון פיזישער און גייסטיקער דערנידערונג, דערהויבן זיי צו דער מדרגה פון מענטשלאכקייט.

מיר אלע וואו מיר זאָלן נישט זיין אין וועלכן טייל פון דער וועלט, און אין וועלכע פאליטישע שאטירונג אָדער אידייע מיר זאָלן נישט גלויבן, זיינען אלע צוזאמענגעשמאָלצן אין איין אומצעטיילבאר גאנצקייט אָפן געביט פון העלפן אונזערע חברים און אמאליקע פריינט און סתם לאנדסלייט צו שטעלן זיך אָף אייגענע פיס. נישט קיין צדקה נאָר ריין חבר'ישע מענטשלאכע הילף.

עס קומט אונז נישט קיין דאנק פאר דעם, מיר האַלטן נישט וועגן געהען דעם נאָמען מענטש, אויב מיר האַלטן נאָך אזא שוידערלאכן חורבן געבליבן ווי מאנכע צום באדויערן, מאלט און גלייכגילטיק צו דער מענטשלאכער נויט און צער.

מיר פילן דאָס מיט אלע אונזערע חושים, און עס איז פאר אונז וואָס פירן אָן די ארבעט, אינספירירן רעגן אָן, פונקט ווי פאר יעדן איינעם וואָס האָט מיט הארץ און נשמה געהאָלפן די לעצטע עטלאכע יאָר אין אונזער הייליקער ארבעט אפריי"ד דאָס צו טאָן.

דאָס איז דער פונקט דער שיכות־סיסטעם וואָס פאראייניקט אונז אין איין גאנצקייט, סטאראייניקט אונז אויך די פעדים פון אמאָל, וואָס מיר זיינען צוזאמען געבוירן געוואָרן, געהאָרעוועט געלעבן און געהאָפט אָף דער זעל־בער ערד.

דאָס וואָס מיר האָבן אלע צוזאמען אמאָל אין אונזערע יונגע יאָרן געהאָפט און געשפּינען חלומות זעונגען פון א בעסער צוקונפט וואָס וועט אויסלייטערן דער גאנצער וועלט בכלל און אונזער פאָלק בפרט.

נישט וויכטיק וואָס נישט אלע פון אונז האָבן געזעען דאָס זעלבע ליכט און פון זעלבן פלאץ, מאנכע האָבן געגלויבט אין אונזער אייגענער אידישער אויפלייזונגס־שיבת "ציון" אָדער אין געטלאכקייט מיט משיח וואָס וועט ברענגען די אייביק געגארטע גאולה – אנדערע –אין סאָציאליזם אין דער

Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2024

באַפרײַאונג פון דער גאַנצער אונטערדריקטער מענטשהײט, און ממילא אויך אונזער פאָלק.

װיכטיק איז װאָס אונזער יוגנט האָט געזאָמט, געפֿײַניקט זיך מיט די אײביק מענטשלאַכע און אידישע פּראָבלעמען. און אָט די דאָזיקע יוגנט־שטרעבונגען װאָס זײַנען נאָך הײַנט פונקט װי מיט דרײַסיק יאָר צײַטיק און פרישׂ האָט אונדז פאַרקניפּט און פאַרבינדן און צוזאַמען מיט לעם אונטערגאַנג אָף אײביק פון אַשטיק אידיש לעבן האָט אונדז נאָנטער געמאַכט און פאַרײַניקט אין אײן משפחה.

אָבער, מיר טאָרן ניט פאַרגעסן, אַז די װעלט אונזערע איז צעשפּאָלטן אין צװײ גרױסע מחנות און אין טױזענטער קלײנע גרופּירונגען: פּאָליטישע, סאָציאַלע און עקאָנאָמישע.

װעלן דאָס פאַרגעסן, אַפילו אָדער איגנאָרירן קאָנען מיר ניט בײַם בעסטן װילן.

איטלאַכער האָט א פולשטענדיק רעכט אָף זײַנע געדאַנקען און מײנונגען, און אַזױ װי דער בולעטין אונזערער איז און װעט פאַרבלײַבן א פרײַע טריבונע, קאָן און מעג יעדער אױסדריקן זײַן יחידישע מײנונג.

מיר היטן זיך ביז איצט ניט צו פאַרהאַנדלן דעם בולעטין אין א באַשטימטן אָרגאַן אָדער צו באַפאַרבן מיט א באַשטימטן קאָליר. מיר האָבן מורא אַז אַזאַ באַשטימטער קאָליר װאָלט געשאַדט אונזער הילפס־אַרבעט אַנשטאַט צו העלפן, און געבראַכט צעשפּליטערונג אין אונזערע רײען אַנשטאַט ברידערשאַפט.

מיר טאָרן ניט זוכן קײן האַרשפּאַלטענדיקע חלוקי־דעות װאָס זײַנען [illegible]דאָרטן צװישן אונדז װעגן רײן פּאָליטישע פּראָבלעמעס. לאָמיר דאָס לאָזן פאַר [illegible]ערן פון אונדז געפונען זײַן אײגענעם ענטפער.

און אויב אײנער דריקט אויס א געדאַנק מיט װעלכן מיר זײַנען ניט אײנשטימיק, האָבן מיר א רעכט און א חוב אױסצודרוקן אָף די שפּאַלטן פון בולעטין, ניט װערן בײז אָדער פאַרביטערט, נאָר חבריש העלפן זיך פאַרשטײן און אױסהערן יענעמס מײנונג און זיך אַרױסזאָגן שפּעטער קעגן.

אין אונזער װעלטל איז פאַראַן זײער װײניק טאָלעראַנץ – מיר מײנען ניט אָפענע ברוטאַלע דיסקרימינאַציעס קעגן ראַסן קאָליר א.א.װ. נאָר אפילו קעגן אַנײעם געדאַנק װאָס איז ניט הונדערט פּראָצענט פונקט װי מיר װילן דאָס און װי מיר פאַרשטײען.

עס איז אָבער דאָס עלעמענטאַרסטע אין אונזער לעבן צו הערן און געדולד האָבן פאַר די געדאַנקען פון אונזערע פּאָליטישע קעגנער.

טאָלעראַנץ, חברים און פרײַנט און אַביסל געדולד איז נױטיק כדי מיר זאָלן קאָנען געמײנזאַם ערלאַך און אױפריכטיק פירן אונזער הילפס־אַרבעט.

דער בולעטין איז א פרײַע טריבונע, עס איז אײער אָרגאַן. שרײַבט פרעגט און פאָדערט זעט אַז ער זאָל װערן א טײל פון אײער געזעלשאַפטלאַכן און קולטורעלן לעבן, לאָזט הערן אײער װאָרט אָף די שפּאַלטן פון בולעטין.

## אויגוסט נומער, א װיסענבערג בולעטין.

לײביש, שיקאַגאָ

טרײַ צו אונזער אָנגעצײכנטן פּלאַן פאַרן יאָר 1950, האָבן מיר אַרױס־געגעבן דעם אַפּריל נומער בולעטין, אַלס א ברײַנסקי נומער,

מיר װײסן נאך נישט װעגן אפרוף פון אונזערע לײענער װעגן דעם בולעטין, אבער װי ס׳זאל נישט זײן איז אט דער בולעטין אנײעס נישט בלויז אין לעבן פון די ארגאניזירטע זשעלעכאװער, נאר אין לעבן פון לאנדסמאנ־שאפטן בכלל.

מיט אזעלכע באגרענעצטע מיטלען װי מיר ארבעטן און אזאר פרעכטיקע אויסגאבע דאס איז, ניט אומזיסט זענען אונז אסך לאנדסמאנשאפטן מקנא מיט אונזער בולעטין.

מיר שטעלן זיך נישט אפ פאר קײן מי און געלט / דער אפריל נומער בולעטין קאסט אונז נאנט צו 170 דאלאר שוין מיטן שיקן/ װאס בײ אונזערע באגרענעצטע אײנקונפטן איז עס אסך געלט, /דאס העכסטע װאס מיר קאנען זיך דערלויבן פאר אנומער איז 60 דאלאר/ ער פארשאפט אבער כבוד יעדן זשעלעכאװער אומעטום.

מיר האבן אין נומער 1 בולעטין אויך צוגעזאגט, דעם נומער 8 פון מאנאט אויגוסט בולעטין, צו װידמען אונזער פארשטארבענעם גרויסן לאנדסמאן י. מ. װײסענבערג און זײן שאפן, װעמענס 12טער יארצײט פאלט אויס דעם 13טן אויגוסט.

צוליב דער גװאלטיקער פאפולאריטעט אין דער שרײבערישער װעלט פון װײסענבערגן, האבן מיר באשלאסן צו באערן דעם פארשטארבענעם מיט א אינהאלטסרײכע זאמלונג פון ארטיקלען פון פארשידענע שרײבער איבער דער װעלט איבער דעם פארשטארבענעס שאפן.

אויב דער אפריל בולעטין האט דערגרײכט 72 זײטן װעט דער אויגוסט בולעטין זיכער דערגרײכן 100 זײטן און װעלכער װאלט בײ דעם אופן װי מיר גיבן ארויס די בולעטינען אונז געקאסט בײ 250 דאלאר.

אבער צוליבן אוצר װאס דער בולעטין װעט מיט זיך פארשטעלן, צוליב דער באטײליקונג פון אזוי פיל אנגעזעענע שרײבער, איז נישט מער װי רעכט, אז דער בולעטין זאל דערשײנען אין א געדרוקטן פארם, און דאס מײנט 400 דאלאר, אדער מער װי 300 דאלאר דער אונטערשיד.

מיר פירן יעצט אונטערהאנדלונגען מיט ארײע דרוקערײען אין שיקאגא, נויארק און אין קאנאדא, װי מיר װעלן אפשר קאנען ארויסגעבן אט דעם בולעטין פאר עפעס ביליקער װי מבעט פאר אים אין שיקאגא, סװעט אבער מוזן קאסטן מינימום 250 דאלאר עקסטרא, און אט פאר דעם מוזן מיר זיך װענדן צו אײך טײערע זשעלעכאװער.

נישט מיר האבן ארעכט צו באשטימען אסומע װיפל אגרופע װאלט באדארפן צוטראגן פאר דעם צװעק און מיר װאלטן דאס קײנמאל נישט געטאן, אבער צוליב דער װיכטיקײט פון דער זאך, װאלטן מיר פארגעשלאגן, אז באגאטא זאל צוטראגן 30 דאלאר, באראנקיללא 30 דאלאר, קאסטא ריקא 30 דאלאר, פאנאמא 30 דאלאר, ישראל 80 דאלאר, אויסטראליען 40 דאלאר, ארגענטינא 40 דאלאר פאריז 20 דאלאר און פון יחידים דאס איבריקע

געװײנליך שלאגן מיר דאס פאר אלס מינימום, מיר װאלטן אײך פארגעש־לאגן צו מאכן אטײ־אונטערנעמונג צוזאמען מיט די פרויען אין יעדן געגעבענעם ארט, אויפקלערן די װיכטיקײט אין שאפן די סומע.

מיר װעלן באזונדער ארויסשיקן בריף װעגן דעם ענין, די צײט – טײערע פרײנט איז קורץ, אנפאנג יולי מוז דער נומער ארײנגײן אין דרוק.

מיר דערװארטן אין יוני נומער צו קאנען פארעפנטליכן אליסטע אזוי פון גרופן װי פון יחידים װעלכע האבן באשטײערט פאר דעם אזוי װיכטיקן ענין.

## עמים און פארטײאישקײט.

שאַלעק אלטמאַן — פּאנאמא

געטראָפן זיך מיט פרײנט שוין ניט געזעען יאָרן און ניט װילנדיק האָבן מיר זיך אַנגעשטויסן אָף פּאָליטישע "אני־מאמינס" װאָס האָט אונז אמאָל אין די יונגנט־יאָרן פאַרײניקט אידײען װאָס האָבן אונז אין יענער צײט דערהויבן און באפליגלט ־ איבעראַנדערשן אונזער װעלטל װאָס איז געבוים אָף רויב און מאָרד און בויען אָדער װײניקסטנס העלפן לויט אונזערע כוחות, איבערבויען און איבערגעשטאלטיקן דעם גאנצן סאָציאלן סדר.

זײנען אװעק א היפּש ביסל יאָרן און "עפּעס" איז פּאַרגעקומען דורך דער דאָזיקער צײט סײ אין דער דרויסנדיקער װעלט און סײ אין אונזער גײסטיקן לעבן, די דאָזיקע ענדערונגען סאָציאלע און פּאָליטישע זײנען געװען פון אזא גראנדיעזער גרוים אז בלויז אקלײנער טײל װאָס האָט זיך "פאַרפעסטיקט" און ניט צוגעלאָזט צו זיך די נײע שטראָמען פון די לעצטע עטלאכע צענדליק יאָרן.

אין אונזער אמאַליקער יונגער נאַאיװיטעט האָבן מיר געגלויבט געװען ־ איבערצײגט, אז דער מענטש אין זײן גאנצן מהות איז א רעזולטאט ײן סביבה בעסער געזאָגט, פון די סאָציאלע־עקאָנאָמישע באַדינגונגען ילכן ער איז ארײנגעפאסט, און װעלכע דאָמינירן זײן גאנצן כאראַקיר זײנען געװען צו נוצן א פילאָזאָפישן טערמין, "דעטערמיניסטן" א געװיסן זין זײנען מענטשן שקלאפן, געהאָרכזאַמע קנעכט פון דעם ארום אין װעלכע זײ לעבן.

דעריבער, אַן ענדערונג אין דעם לעצטן װעט ממילא פירן צו א געזעלשאפט װאו דער יחיד װעט לויט זײנע פּאַאיקײטן דערגרײכן בסטע הויכן פון מענטשלאכע שאַפונגען.

זבן זיך מײנע פרײנט (געבליבן בײ די אלטע פּסוקים ..) געטומען מיך נערצײגן, אז אויב איך דערלויב מיר צו צװײפלען בלויז, אין די אמאַליקע אמתן, װאָס זײנען דאן געװען קלאָר פאר אונז אלעמען, בין איך" אראָפּ פון װעג" און נאטירלאך א פאָרשטײער פון יענעם קלאָס װאָס איז לויט אלע מארקסיסטישע געזעצן פארמשפּט צום אונטערגאנג.

באמת, איך האָב ניט געטראכט אז איך בין אפאָרשטײער אָדער פארטײדיקער ר"ל פון אַן אונטערגײענדיקן קלאָס, נאָך מער איז מיר געפעלן דער אויסדרוק "אראָפּ פון װעג". כמעט דעם זעלבן פּסוק האָבן מיר געהערט פון אונזערע עלטערן װען מיר האָבן געװאגט צו לײענען א ביכל אָדער גײן אין "פארײן" אָפּטועז, לויט זײערע באגריפן, ניט אידישע זאכן...

אינטערעסאנט איז, אז מענטשן ראציאָנאלע, װאָס האָבן פארװאָרפן רעליגיעזע אבערגלויבענישן, װײל זײ זײנען געקומען פון הארץ און ניט פון קאָפּ, אז די זעלבע פרײנט זאָלן אָפּערירן מיט די זעלבע מעטאָדן.

און ספרעגט זיך זײ ניט, װער האָט זײ, אָנעהנגער פון א באשטימטער פּאָליטישער שיטה, געגעבן די מאראלע רעכט צו זײן די ריכטער איבער "גלײכע "און "קרומע" װעגן, אין דעם װאָס אײנער האָט פארביטן זײנע אמאָליקע פּאָליטישע פילאָזאָפיעס שפּילן אראָל אָן אשיעור מאָמענטן, אפּטמאָל פײנלאכע איבערלעבונגען.

שטעלט איך פאָר א מענטש לעבט אָפּ יאָרן מיט א געװיסן "גאָט אין הארצן" א גלויבן אין א באשטימטער געזעלשאפטלאכער גאנצקײט אָדער פּארטײ אָז נאָר זי די לעצטע איז באַרופן, אויסדערװײלט און פאָראויס־באשטימט פון געשיכטע אָדער איבערנאטירלאכער קראַפט צו פירן דער מענטש־

הײט צום אײביקן גליק, און מיט אמאל א טיפע אנטוישונג, א גײסטיקע קאטאסטראפע, א גאט פון א גאנץ לעבן האט אפגענארט, פאראטן און באנק־ראטירט.

דײנקט איר, אז די דאזיקע זעלישע איבערלעבונג איז ניט פון אזא סארט װאס גיט דעם דאזיקן מענטשן טיפע פײנלאכע דערפארונגען? אגאנץ לעבן געדינט צו אן אפגאט! אין אונזער געזעלשאפט װאו איטלאכער איז ארײנ־געפאסט אין א באשטימטן סאציאלן ראם מיט חברים באקאנטע פרײנט, איז דער איבערײס אװעק פון דעם "אלטן גאט" ארײנלײגן זיך אין א מאדער־נעם חרם, אפזונדערן זיך פון נעכטיקע נאנטע הארציקע פרײנט מיט װעמען איר האט אזוי פיל יארן צוזאמען געשפינען טרוימען פון א נאך ניט דאיקע פרײע װעלט.

און נאטירלאך דאס װערט ניט געטאן צוליב א קאפריז אדער עמיצן װײצופאן נאר מער זיך אלײן.

דאס קומט פון טיפע מאנכעסמאל לאנגע טראכטענישן און איבערצײגונגען אז מען האט געלעבט אין טעות.

נאכאלעמען װערן קאנצעפציעס, אידײען פארמירט אפן באזיס פון געװיסע פונקטן װאס זײנען פאראן אין אונזער לעבן.

די פאקטן, די רעאליטעט איז דער מאטעריאל בשעת די פארטיקע איד איז דער סכום, אדער טאטאל, רעזומע פון די פארשידענע ברעקלאך דער גען אונזערע.

פאסירט, אז װען נאך אגעװיסן חשבון הנפש, א גײסטיקן אינװענטא אן עקספעדיציע אין אײער נשמה - װי פראפ. שניארסאן פלעגט דאס ר געפונט איר אויס, אז איר האט געמאכט א טעות אין חשבון, איר הא אויסגעלאזט יענע פאקטן װאס פאסן זיך ניט ארײן אין אײער אנגע אמת, דאן הויבט זיך אן אײער פראצעס פון צװײפלען, טראכטן און גי פײניקונגען.

בלויז די יעניקע װאס האבן נאך עטלאכע צענדליק יארן פון גלו אין אײן פארטײ, די אויסדערװײלטע װאס נאר זי קאן פירן צום גליק דער מענטשהײט, געמוזט אנטלויפן פון א גאנצע װעלט חברים און פרײנט װאס האבן אף זײ געקוקט װי אף אן אפטריניקן און פארעטער - בלויז זײ קאנען פילן און פארשטײן װאס איך מײן ...

און דער דאזיקער מוט, צו זאגן אפן און פרײ װאס דו פילסט און טראכסט אפילו דאס װעט דיר און יענעם װײ טאן ביז צום בײן, קומט פון א טיפן מאראלן געפיל, אז דער מענטש דער יחיד מוז זײן קודם כל ערלאך און אויפריכטיק אפילו װען ער שטעלט זיך מיט דעם אויסער די רײען פון זײנע נאנסטע און טײערסטע װעמען ער װיל זיכער ניט װײ טאן.

נאטירלאך, סאיז גרינגער צו אפערירן מיט אזעלכע רײד װאס זאגן לחלוטין גאר ניט: "אראפ פון װעג" א.א.װ.

צו דעם פאדערט זיך ניט צופיל טראכטן אדער באמיען זיך אײנצוהערן װאס דער "אפטריניקער" האט אײך צו זאגן־ נאך אלעמען זעט איר, אז ער איז נאך ניט געװארן א פארשטײער פון "אונטערגײענדן קאפיטאליזם" אז ער איז נאך װײט ניט פארשמעלציקט מיט עקאנאמישן בארג ארויף װאס מאכט מאנכעס־מאל, אז מענטשן זאלן פארגעסן זײערע אמאליקע אידעאלן, איז אויב עפעס איז פארגעקומען אן ענדערונג "אן אפנויג", איז אינטערעסאנט צו װיסן פארװאס?

װײזט אויס, אז צוזאמען מיט דער איבערצײגונג אין אגעװיסער אידײע װאקסט אויך דער געפיל פון זעלבסט זיכערקײט װאס דערגײט אפטמאל צו

דאָגמאטישקײט און צו ניט ראציאָנאלע טראכטונגען נאָר צו רײן עמאָציאָנעלע

מיר טראכטן מיט דעם הארץ, איז דאָס געװען אויסגעהאלטן װען מיר האָבן יונגערהײט זיך ארײנגעװאָרפן מיטן גאנצן פײער פון אונזער נשמה אין דער באַװעגונג געטראָגן פון געפיל און טיפן גלויבן, אָבער נאָך עטלאכע צענדליק יאָר, װען אין אונזער װעלטל זײנען פאָרגעקומען אזוי פיל מענטשלאכע קאטאסטראָפעס, װען אידײען זײנען אין ברוטאלן פויסט פארװאנדלט געװאָרן – הײנט היצן און אַפערירן מיט די פסוקים פון אמאָל איז אביסל נאאיװ און קינדיש.

לאָמיר פרובירן אָף ארײן מענטשלאכן אופן אן שום פאָראויס באשטימטע פאראורטײלן, פארשטײן זיך אײנער דעם אנדערן, אײנהערן זיך אין יענע מאָטיװן װאָס האָבן געבראכט צו אן ענדערונג אין אונזער פרײנטס געדאנקען װעלט, אפשר איז פאראן עפעס װאָס קאָן אויך אונז נוצן ברײנגען, נאָכ־אלעמען אנערקענען מיר דאָך, אז אנדערש טראכטן איז ניט קײן פארברעכן.

דאָס איז די פריװילעגיע װאָס איטלאכער יחיד האָט אין אונזער געזעל־שאפט, געערעכט צו ניט־ דאָס איז א פראגע פון דיסקוטירן איבערצײגן יענעם, ניט פאָרן מיט דעם פסוק פון עטיק און מאָראל.

קײנער פון אונז, חברים, װאָסאר פאָליטישע פילאָזאָפיע ער פארמאָגט ניט זײן קײן דאָגמאטיקער און באציען זיך װי א זעלבסטצופרידענער ...ק פארזעטיקטער מענטש, צו אנדערש טראכטנדיקע.

...ירלאך סאיז שװערער װי יענעם אָפּפטרן מיט א פסוק, אָבער דאָס איז ...נציקער װעג, דער אינטעלעקטואל ערלאך און אויסגעהאלטענער אופן ...סטויש פון געדאנקען.

...ר ניט פרובירן זיך שטעלן אָף א העכערן פעדעסטאל פון עטיק און ...לויז צוליב דעם װאָס מיר האָבן אין פארלויף פון דרײ צענדליק ...ז געביטן אונזערע פאָליטישע מײנונגען, אָפטמאָל איז דאָס ניט פון ...יכן גײסטיקן קאליבר מיט װעלכע מען דאָרף פאראדירן... און ...צירן... מאנכעסמאָל איז דאָס א רעזולטאט פון גײסטיקער און אינ־עקטועלער מידקײט.

דאָס ארטיקל, װי די אנדערע אין אונזער בולעטין, דריקן אויס בלויז די מײנונג פון שרײבער און װערן געדרוקט אויפן באזיס פון פרײע דיסקוסיע.
די רעדאקציע

## דעראינערונגען

שמעון גובערג באָגאָטא

זאָגט מען דאָך, אז אחוץ טאלאנט דארף א שרײבער אויך האָבן סביבה, אויב אָבער א אידישן שרײבער איז באשערט אויף אלעבן לאנג ארײנצופאַלן אין אזא סביבה װי מיר האָבן דאָ געשאפן, איז דאָס ניט נאָר אפארלוסט פארן שרײבער אלײן, נאָר טאקע פאר דער ליטעראטור אויך.

שװער אז עפעס פּאָזיטיװעס זאָל דאָ אינספירירן אמענטש פון גײסט, כדי איבערצוגעבן זיך מיט ברען צו זײן מיסיע, און אויב עס פאסירט דאָך, אז דער שרײבער האָט באװיזן גובר צו זײן די אַלע שטרויכלונגען און האָט זיך דאָך געװידמעט זײן טאלאנט און ליטעראַרישע מיסיע, איז עס זיכער אויפן חשבון פון מאכן אומגעהויערע אנשטרענגונגען.

האָט דאָך דער שװארצסטער נביא ניט געקאָנט פאָראױסזען אז דאָס ארױסרײסן ש. ברײנסקין אין 1934 פון פױלן און ברענגענדיק אים אהער, װעט באדײטן ארעטונג פון אזיכערער פיזישער פארניכטונג, אזױ מעג מען שױן זאָגן, גם זה לטובה.

האָט דען װעמען זיך געקענט חלומען אז טאקע אין אונזערע טעג, כמעט פאר אונזערע אױגן, אין דער הײנטיקער עפּאָכע װעט ארײנגעשריבן װערן דאָס ביטערסטע בלוטיקע־בלאט אין אונזער גאנצער מארטירער געשיכטע?

בײ אונז אין באָגאָטא איז תמיד קאלט, דער דרױסן װעלכער געפינט זיך אױף אהײך פון צװײ טױזנט זעקס הונדערט מעטער איבער ים פלאך, האלט דעריבער אָן אן אײביקע קעלט, דער אינװײניק... איז אױך ניט פיל װארע־מער, דאָך, צום גליק, איז ניט יעדנס אידנס הארץ פארפרױרן געװאָרן, אין שײכות צום אידישן קולטורעלן װאָרט.

פארמאָגן מיר טאקע דאָ אידן מיט באמת װארעמע אידישע הערצער, ניט ערגער װי אין אנדערע ישובים, און ניט בלױז דאָס, מיר האָבן דאָ אידן מיט געפילן און פארשטענדעניש פאר א פאָרשטײער פון א קולטורעלע אינסטי־טוציע, ניט יעדן האָט פארשמאלצעװעט די דיקע שעקערא, און ניט יעדער האָט צוגענומען די האנד פון הארץ, סײ ניט פריער מיט איבער 20 יאָ צוריק בעת מיר האָבן דאָ די פיס געשטעלט און אױך ניט שפּעטער.

אמת, בײ די לײט בײ װעמען דער געפיל פון מאכן "אמעריקא" האָט געפילט דעם גאנצן אינהאלט פון לעבן און האָבן זיך אױסגעדרײט מ רוקן צו אלץ װאָס איז שענער אז די דאָזיקע לײט מאכן טאקע אױס ד גרעסטער רוב פון ישוב, זײער חותם האָט געשלאָגן טיפע װאָרצלען און איז אױך אז די אױסנאָמען זײנען געצײלטע, דאָך האָבן מיר זײ דאָ.

אָן אָט די אידן מיט פארשטענדעניש פאר שענערס, װאָלט דאָס לעבן פיל שװערער, אָן אָט די, צו װעמען װאָלט אמאָל א אידישער שרײבער פארבלא

און אָט די יחידים האָבן ארױסגעװיזן זײער פולע פארשטענדעניש א יאָר 1945 בעת עס האָט זיך געהאנדלט אין דערמעגליכן דאָס דערשײנען פון ש. ברײנסקיס ערשטע בוך, װיל איך זיך אָבער האלטן מיט א שטיקל סדר אין מײן איצטיקע אױפגאבע.

פיר מאָנאט נאָך ברײנסקיס קומען אין זײן נײער הײם, האָט ער באװיזן אָנצושרײבן א דערצײלונג "טשינאָס" אזױ רופט מען דאָ יונגע אינגלעך, קלײנע יתומים, װעמענס גורל איז צו יענער צײט מיט 16 יאָר צוריק אױסגעפאלן צו דערציען זיך אױף דער גאס, זײער נאכטלעגער איז װידער געװען די גאס, געשלאָפן אײנגעטוליעט עטליכע צוזאמען, אז ס'זאָל זײ זײן װארעמער אונטער אָפדעכער זיך צו באשיצן פון רעגן.

אפילו שפּעטער, װען די דאָזיקע דערצײלונג איז שױן געװען איבערזעצט אין שפּאניש, און װען זי איז געװאָרן אָפּגעדרוקט אין דער שפּאנישער פּרעסע, איז די דערצײלונג געלױבט געװאָרן ביז הימעל ארײן, סײ פאר די װיזיע פון דעם גרינעם "פּאָליאקאָ" װעלכער האָט אזױ פרי באװיזן אױף אזא קינסטלערישן אופן אָנצושרײבן אזא עכטע נאציאָנאלע דערצײלונג דאכט זיך א פּשוטער ענין, יעדער אײנער זעט דעם סוזשעט פון דער דער־צײלונג טאָג טעגליך, דאָך האָט זיך נאָך צו דער טעמא ניט צוגערירט קײן שום קאָלאָמביאנער שרײבער.

בײ דעם ביז גאָר טאלאנטפולן קאָלאָמביאנער פּאָעט און ליטעראטור קריטיקער, פרײנט לואיס װידאלעס, ברײנסקיס איבערזעצער אױף שפּאניש װעלכער קאָן ניט אװאָרט אידיש, איז די דערצײלונג געװאָרן א ליבלינג.

ווייל ווער נאָך וואו א ווידאלעס האָט זיך געקענט אָפּגעבן אחשבון פון ברײנס־קיס שרײבערישע וויזיע, אין וועמען ער האָט דורך די דערציילונג געזען א געקומענער עמיגראנט, א מענטש פון אראסע וועלכע איז אין זיין סביבה ניט איבעריק באליבט.. פונקט וואו צווישן אנדערע פעלקער פון וועמען די קאָלאָמביאנער ליטעראטור האָט באמת וויכטיקס צו דערוואַרטן.

מיר אגרופע ביי וועמען נאָך צען טויזנט, איז ניט געווען דער גאנצער עיקר פון לעבן און מאכן "אמעריקא" איז ניט געווען אויפן ערשטן אָרט האָבן זיך פארנומען מיט אקאָפּיטשקע קולטור ארבעט. מיר האָבן פארמאָגט א פיין אָרגאניזירטן דראמאטישן קרייז מיט וועמענס קרעפטן עס האָט דאָ אין יאָר 1936 אויך זיינעם א טור, זינמונט טורקאָוו אויפגעפירט דעם "דיבוק" און ניט האָבנדיק קיין אידישן זאץ, האָבן מיר ארויסגעגעבן א ציימונג אין האוואנא־קובא.

אונזער אויסגאבע איז געווען געדרוקט אלס קאָלאָמביאנער אָפּטיילונג אין די "האוואנער בלעטער" איז צו אונזער פרייד קיין גרענעץ ניט געווען ווען מיר האָבן שוין דערזען דאָס אָנקומען פון עטליכע הונדערט נומערן פון זשורנאל, בפרט אז מען האָט אונז פון דער רעדאקציע געשריבן אז ברײנסקיס דערציילונג האָט פיין אויסגענומען, מען האָט אונז געוואונטשן גליק אזא וויכטיקע איניציאטיוו.

יר זיינען ארויס אויף אונזער אידישער גאס מיט דער גרעסטער פרייד ערטיילן די ציימונג, די פרוכט פון אונזער באגייסטערטע אָנשטרענג־ וען מיר דאָך מיט אונזערע אויגן אז אונזער ארבעט גייט ניט ין ־ ־ : האָבן אָבער אונזערע פון דער איער־שאָל אויסגעפיקטע יקלעך, הגם נאָך אין געשטאלט פון קארליקלעך ווייל ערשט נעכטן ן דאָך קוים אוועק געלייגט דאָס "פעקל" דאָך שוין מיט אן אָנגעשטעקטע אז דאָס שלעפערישע לעבן פון דער אלטער היים ליגט שוין באגראָבן אָ שיינט אויף א פארשוועגדעריש לוקסוס לעבן.

ער יעדניצער "גאון" האָט זיינע לאנדסלייט איינגערעדט אז ברײנסקי איז לא עלנו א "לינקער" און אז פאר אידן צוצערירן זיך צו שרייבן איבער אזעלכע "געפערליכע" טעמאס קען ברענגען גרויס אומגליק אויפן קאָפּ פון אונזער ישוב. נו איז הימל עפן זידן איהן האָבן שוין אין יענע טעג אויף די קארערא ל' דאָס אָרט וואו נעכטיקע קלאפער האָבן אָנגעהויבן אוועק צושטעלן געשעפטן ניט געקויפט קיין סחורה מען האָט שוין ניט געשניטן פאר די שניידער עס האָט זיך ממש געטאָן חושך.

אין רעזולטאַט דערפון איז מען געוואָר געוואָרן אז ביים שעף פון אויס־לענדישן אמט ליגט שוין אזא נומער "האוואנער־בלעטער" און דער לעצטער האָט שוין באשטימט 3 אידישע איבערזעצער פון ביידע שפראַכן.

געדענק איך יענעם טריבן נאכמיטאָג בעת מען האָט ש.ברײנסקין פון דער גאס אוועק געפירט צום אויספאָרשונגס־ריכטער איך געפין זיך אין זעלבן צימער מיט מיין באַקאנטן אדוואָקאט אין אזיים, בעת דער ריכטער פרעגט, און ברײנסקי דערקלערט וועגן זיין גרויסן פארברעכן...

אין דעם צימער דארף זיך דער ריכטער אויספאָרמירן א קריטעריום, און פון דעם קריטעריום איז א נענטערער שפאן אין תפיסה איידער צוריק אויף דער פריי. גליקליכערווייזע איז דעם אויספאָרשונגס־ריכטערס קריטעריום אויסגעפאלן אנדערש וואו דעם יעדניצער קאָכלעפלס וועלכער האָט שוין דאמאָלס זיך געשניטן אויף אציוניסטישע קאריערע און פון וועמען אונזער ישוב האָט שפעטער געהאט אויסצושטיין געבראָכטע צרות.

אָט אַזױ מײַנע פֿרײַנט האָט זיך אָנגעהױבן ש. פּרײַנסקיס שרײַבערישער "לוקסוס װעג" ממש מיט בלומען באַלײגט אױף דער נײַער ערד, אין זײַן נײַער הײם, אין דער סביבה צװישן באַנגאָטאָנער אידן...

א דערצײלונג אונטערן נאָמען א "צופאל" די דערצײלונג האָט נאָך פּרײַנסקי אנגעפאנגען צו שרײַבן אין פּױלן, און זי פאַרענדיקט אין באַנגאָטאַ און יעצט האָט זיך געשטעלט די פראַגע, װי שיקט מען אװעק די דערצײלונג? 2 גרעסערע ראָמאַנען האָט שױן פּרײַנסקי געהאַט אָנגעשריבן, אחוץ עטליכע קלענערע דערצײלונגען, אים איז אָבער נאָך אלץ אױסגעקומען צו קװיקן זיך מיט זײַן אָנגעשריבענעם אין שיפלאָד...

צו האָבן אנאָפענע טיר אין א רעדאקציע, אָדער בכלל אנאָרט װאו זיך צו דרוקן איז נאָך געװען אטרױם בײַם שרײַבער פּרײַנסקי.

איז מיר געקומען אױפן געדאנק אז איך האָב דאָך א קאָנטאקט מיט דער "צוקונפט" פון נױאָרק װעמענס פאַרשפּרײַטער איך בין געװען אין קאָלאָמביא און בפרט מיטן סעקרעטאָר פון דער צוקונפט פרײַנט יעקב קרעפּליאַק איז געבליבן אז מען שיקט אװעק די דערצײלונג אין דער צוקונפט און דאָ דער צװײפל װעט דער דאמאָלסדיקער רעדאקטאָר, דער אומשטערבליכער ליעסין ע"ה אײַנשטימען צו דרוקן די דערצײלונג?

פּרײַנסקי זיצט דערװײל נים מיט קײן פאַרלײגטע הענד קלעטערנדיק אין די באַריעס /געגנטן/ װאו עס קאָנצענטרירט זיך דער גרעסטער דלות אין די בערגיקע טײלן פון דער קאָלאָמביאַנער הױפּט־שטאָט מיט די טאַכטעלעך /קאַרטלעך/ אין האַנד אײַנמאָנענדיק דעם װאָכענטליכן אײַנצאָל אלס "קלאַפּער".

אין שרײַבערס װיליאָנערישע לאַבירינטן הײבן זיך אָן צו אנטפּלעקן נײַע געשטאלטן, אנײַ לעבן ממש אנײַע װעלט, א אומאױסשעפּבארער אוצר פאַר העכסט קינסטלערישע נאַציאָנאלע מײַנסטער־דערצײלונגען, איז דען דאָס ניט דער גרעסטער װאונדער? אז פון אזעלכע פאַרבלאָטיקטע געסלעך, פון נידעריקע הײַזלעך כמעט אָן פענסטער, פון װאנען עס װײַנט ארױס די גרעסטע נױט, פון דאנען זאָל קענען געבױרן װערן אזא מײַנסטער װערק, װאו עס איז "מענטשן אין שפאַן".

נאָך 3 חדשים װארטן, האָבן מיר ענדליך דערהאלטן אגוטן ענטפער, פרײַנט קרעפּליאַק ע"ה שרײַבט אז די דערצײלונג איז געלײענט געװאָרן און איז דעם רעדאקטאָר ליעסין זײער געפעלן, און זי װעט בקרוב זײַן געדרוקט אין דער "צוקונפט" פרײַנט קרעפּליאַק ניט זאָגאר צו, אז ליעסין קלײַבט זיך צו שרײַבן צו פּרײַנסקין א דערמוטיקונגס בריװל, אביסל שפּעטער געפונען מיר אנאָטיץ אין פאַרװערטס װעגן פּרײַנסקין און זײַן דערצײלונג.

װײס איך ניט צו װעמען אינדערװעלט אױסער צו מיר און מעגליך אױך צו פּרײַנסקין, דער נאָטיץ האָט אזױ געשמײכלט.

די גרױסע פרײד איז געקומען ארום ענדע 1935 בעת די "צוקונפט" איז דערהאלטן געװאָרן, און מיר האָבן מיט די אײגענע אױגן געזען די דערצײלונג אָפּגעדרוקט און טאקע מיט שלמהס נאָמען אין דער שפּיץ, דאָס איז געװען אן אָנזאָג פאַר פּרײַנסקין, אז דער פּעריאָד פון זײַן שרײַבן פאַרן שופלאָד האָט זיך געענדיקט.

װעלכער אָנפאנגער װאָלט זיך דען ניט געװען געפילט גליקליך, זיך צו זען אױף די שפאלטן פון דער צוקונפט איבערהױפּט אין יענער צײַט, װעלכע װעט פאַרבלײַבן אין אונזער ליטעראַטור געשיכטע, אלס די ליעסין עפּאָכע, מיר האָבן געפילט אז נײַע טעג און נײַע מעגליכקײטן הײבן אָן אױפ־שײַנען פאַר פּרײַנסקין אלס שרײַבער.

פאר ברינסקיס פריינט איז דאס דערהאלטן דעם געגעבענעם נומער צוקונפט געווען אקאלאסאלע דערפרייענדע געשעעניש ממש א יום־טוב די פרייד איז געווען גרויס מען האט געפילט באמת ווי א ענג אייגענער עניין.

אין דעם לאגער פון קאררערא 7 אידן ביי די וועלכע פארלאנגען דרך ארץ צו זיך בלויז דערפאר וויל זייערע טשעקעיראס ווערן דיקער פון טאג צו טאג, דארט איז די פרייד ניט געווען אזא וואזשנע... געווײנלידמער מיטן אינסטינקט ווי מיטן באוואוסטזיין האבן זיי דערפילט, אז דער טומעל אין שטאט מיט ברינסקיס אפגעדרוקטער דערציילונג איז עפעס ניט סטאם אוועק צומאכן מיט דער האנד... דאך שטילערהייט האבן זיי דערפילט, אז אין אונזע קיבוץ לעבט א מענטש ברינסקי וועלכער איז באשטימט אנדערש ווי זיי פאר וועמען עס לעבט און עקזיסטירט א העכערע וועלט און עס קאן גראד פאסירן, אז נים אלץ באשטייט פון מאכן און פארקויפן פרויען מאנטלן...

באגאטא מאי 1950

## געטא און "וואנט"

ב.צ. גאלדבערג

ענדע פון נומער 3 בול.

זאן הוירשי איז צוגעקומען צו דער טעמע פון זיין ראמאן "די וואנט"
יס און אכטונג – און מיט א ווארימער באציאונג.
זעט, אז ער האט געמאכט א שטודיום פון די ארכיוועו און היס־
פון דער ווארשאווער געטא. ער האט זיך אויך נענטער באקענט מיטן
יונט פון דעם אידענטום אין דער געטא, מיט דעם פריערדיגן
לעבן. ער האט אפילו א פאסיג שטיקל תורה פון רבין ר" אלימלך
זענסק און א קורצע ביאגראפיע פון י.ל. פרץ. און פאר א גוי –
אין בוך געמאכט גאר ווינציג "בולבעס" – פאראן א מעשה מיט
יפה פון א...פערד.

און הגם ער אידעאליזירט ניט די מענטשען אין געטא, שטעלט זיי ארויס ווי מענשן פון פלייש און בלוט ניט ווי מלאכים מיט ווייסע פליגלען – שילדערט ער זיי מיט סימפאטיע און ווירדע. און אויף וויפל גוים וועלען עס לייענען – מיר דארפען ניט איבערטרייבען אט די צאל מחמת עס לייענט זיך גאנץ שווערליך – וועט עס זיי דערמאנען אין א קאפיטעל נאציזם וואס די וועלט וויל פארגעסען, און ארויסרופען אין זיי א קעגענגעפיל צום אומזיניגען ראסענהאס וואס איז דערגאנגען צום קאניבאליזם און צו מדרגהס נידעריגער פון דעם.

אט דא ליגט דער פארדינסט פון דעם בוך, וואס שייך אונז אידן.

פאר די אידן, וואס האבען געלעבט אין דער געטא און פאר די, וואס האבען געלייענט אפילו א טייל פון די צענדליגער ביכער־מעמוארן פון די לעבענגעבליבענע פון געטא, איז אין בוך קיין נייעס נישטא – ניט אין זיין כראנישען עלעמענט. אויף ווי ווייט הוירשי האט באנוצט כראנישען מאטעריאל און ניט אין זיין צוגעטראכטען.

און דא דוכט מיר, ליגט דער גרונטפעלער פון דעם בוך. דאס כראנישע מוז זיין בלאס לגבי דעם עדות זאגען פון די, וואס האבען עס אליין איבערגעלעבט, און דאס צוגעטראכטע איז צוגעטראכט – אן פאנטאזיע, אן שוואונג און אן דערהויבונג, וואס א שעפערישער טאלאנט דערגייט צו א שטיק ווירקליכקייט. דזשאן הוירשי האט געפונען די געטא א בארג צע־ריבענע ציגעל און שטויב,

ווען ער איז פיזיש צו דעם געקומען און ער האָט אים אזוי איבערגעלאָזט ליטעראריש אין זיין בוך. עס איז פלאך און לאנגזאם און לאנגווייליג.

מיר איז ניט אָנגענעם צו שרייבן די דאָזיגע ווערטער אי צוליב דעם וואָס די אידישע פרעסע האָט זיך אזוי א וואָרף געטאָן צום דאָזיגן בוך, ווי דאָס וואָלט געווען דער קינסטלערישער גואל פון דער נשמה פון דער געטאָ און אי צוליבן ערנסט אין ארבעט און הארץ, וואָס דזשאן הוירשי האָט איין דעם אריינגעלייגט. עפּעס איז עס דאָך ניט קיין קלייניקייט, וואָס בעת דער גרויסער אידישער שרייבער פון פוילען, שלום אש, איז געזעסן און זיך געגריבעלט אין עוואנגעלישע ביכער צו שרייבן זיין ראָמאן וועגן לעבן פון דער הייליגער יונגפרוי מאריע, איז א גויאישער אמעריקאנער שרייבער געזעסן און זיך געמאטערט מיטן ריזיגן מאטעריאל פון געטאָ־ארכיוו און מעמוארען - צו שרייבן א ראָמאן פון אידישעליידן און העלדענטום אין דער וואַרשאַווער געטאָ!..

אָבער עס דינט ניט קיין צוועק, און עס וועט דזשאן הוירשין אויך ניט העלפן אָדער אפילו שאפן צופרידענקייט, ווען מען וועט זיין בוך אומגעהויער איבערשאצן און עס אוועק שטעלן אויף דער העכסטער פּאָליצע, וואו עס וועט זיך געפינען גאָר אומבאקוועם...

איך קען פארשטיין דזשאן הוירשיס געטאָ פּראָבלעם. און ווידער דארף א דאָ זאָגן, אז ער האט אָט דאָס פּראָבלעם בעסער באגריפן ווי אנדערע אידישע שרייבערס, וואָס האָבן געפּרובירט אָט די גרויסע געשעניש קינ לעריש ווידערשאפן.

הוירשי האָט איינגעזען, אז די ווירקליכקייט און די געשענישען ג זענען אזוי אומגעהויער, אַז קיין קינסטלערישע באארבייטונג קאָן ניט קורירן מיטן פאקט. און עס איז דעריבער ניט מעגליך איבערצודיכט גרויסע געשענישען. ער האָט זיך דעריבער פארנומען מיטן ארומיגען די קליינע און קליינליכע פּאסירונגען און באציאונגען אין טאָג טעגי לעבן פון די מענשען אין געטאָ. און עס איז א דערגרייכונג פאר הוי שין און אן אָנווייזונג אויף זיין גרויסען טאלאנט אז גראָד פון אָט די קליינע און קליינליכע און אָפט לאנגווייליגע איינצעלהייטען באקומט זיך ערשט ארויס דער מאַזים דיגער איינדרוק פון דער געטאָ, וואָס ער האָט זיך גאָר ניט פארנומען דירעקט צו באשרייבן.

און אויך דאָ האָט ער געהאט א פּראָבלעם ווי אזוי דאָס איבערצוגעבן. צוערשט האָט ער דאָס געטאָן ווי אין א געוויינליכען ראָמאן, אָדער ווי ער האָט עס געטאָן אין זיינע פריערדיגע ראָמאנען. דאָס הייסט: ער, דער מחבר, דערציילט די געשיכטע. אָבער דאָס האָט אים ניט צופרידענגעשטעלט. וואָס דער חסרון א איז געווען, ווייסען מיר ניט. האָט ער גענומען און דעם גאנצען ראָמאן איבערגעשריבען פונדאָסניי אין אגאנץ אנדער פאָרם: אין דער פאָרם פון א טאָגבוך פון א טשיקאווען טיפּ מענשען - אן אלטען, מיאוסען בחור, טאקע א געלערענטער און א מחבר פון ווערק, אָבער א היפּשער נודניק און א בטלן.

פארוואָס האָט הוירשי געדארפט איבערזייען דעם ראָמאן דורך די קורצזיכטי־קע ברילען פון אן אויסגעטראכטען נח לעווינסאָן?

מיר דוכט אז - ערשטענס, כדי צו קאָנצענטרירען דעם מאטעריאל ארויס קוועטשען פון אים די פליסיגקייט פון פרייען צוגאנג, געפיל־ אויסדרוק און אָפרוף, ווי דער מחבר וואָלט געדארפט רעאגירן דערויף, ווען ער אליין דערציילט די געשיכטע: און צווייטענס - כדי ניט צו דארפען געבען דעם פירוש, דעם באטייט דעם זין פון גאנצען ענין. פון אמענשען, וואָס זיצט איינעווייניג אין פּראָצעס און לעבט אליין אלץ דורך, קאָן מען ניט דערווארטען

ער זאָל באַנעמען דעם פולען זין דערפון, װי פון א מענשען, װאָס שטײט פון דער זײט און קוקט עס צו.

הוירשי האָט הפנים דערפילט אז ער קען ניט פולשטענדיג באַהערשען דעם מאַטעריאַל און ער האָט ניט געװאָלט מאַכען דעם דאָן קיכאָטישען פאַרמעסט. ער האָט עס געװאָלט דערגרײכען, װיפיל סװעט זיך לאָזען, אינדירעקט: דורך די קלײניגקײטען, װאָס ער װעט אונז געבען דורך די ברילען פון א דאָרטיגען אויפן אָרט.

און אויך פאר דעם קומט הוירשין אָנערקענונג, װאָס ער האָט געהאַט גענוג דרך ארץ פאר דער טעמע און גענוג עטישע באַציאונג, ניט צו פּרובירען מאַכען דערפון א טור־דע־פאָרס.

דאַרף מען אויפפאַסען דזשאַן הוירשיס "די װאַנט" װי א װערק פון דעם זשאַנער זשורנאַליסטישע בעלעטריסטיק אָדער בעלעטריסטישען רעפּאָרטאַזש. ער האָט עס געמאַכט מיט ערנסט, פאָרזיכט, באַציאונג און טאַלאַנט: און פון א פּראַגמאַטישען שטאַנדפּונקט האָט עס אַגרויסען באַטײט א סאָציאַל־פּאָליטישען באַטײט. עס איז א הויכפּונקט פון געטאָ־רעפּאָרטאַזש, אָבער ניט פון געטאָ־מעמוארען, װעלכע זענען ניט אין ערך שטאַרקער און אײַנדרוקפולער, אָפּגערעדט פון אינטערעסאַנטקײט.

אָבער די קינסטלערישע איבערשאַפונג פון דער געטאָ געשיכטע דאַרף זיך [...]ך באַקומען, און צו דעם װאָלט מען באַדאַרפט דעם טאַלאַנט פון א טאָמאַס [...]ניט פון אַ דזשאַן הוירשי. און װען אזא גײַסט װעט אַמאָל זיך נעמען [...]ר דאָזיגער טעמע, װעט אים דזשאַן הוירשיס בוך זײַן א גרויסע הילף

אין קומענדן נומער װעלן מיר געבן
אן איבערזיכט איבערן זעלבן בוך
דורך פרײַנט שאָלעק אַלטמאַן.

## צו דער דיסקוסיע װעגן פּרײַנסקיס עסײ

עובדיה קאַסמאַן — אַרגענטינאַ

אַלײן בין איך נישט געבוירן אין זשעלעכאָװ, אָבער די בעסטע יאָרן פון מײַן לעבן, האָב איך פאַרבראַכט אין זשעלעכאָװ. אין אַלע לענדער װי איך בין געװען, האָבן מיך אַלע מײַנע פרײַנט מיך נאָר געקענט פאר א זשעלעכאָװער. דערפאַר פיל איך זיך באַרעכטיקט, אויך צו נעמען א װאָרט אין דער דיסקוסיע װעגן די עסײ װאָס פּרײַנסקי האָט אָנגעשריבן אין נומער 12 בול.

אין נומער 2 בולעטין פון 1950 שרײַבט אײנער אז זײַן פרײַנט שאָלעק האָט אים געבעטן, ער זאָל זיך דאַרויסזאָגן װעגן פּרײַנסקיס עסײ.

באַלד אין אָנהויב פון זײַן אַרטיקל שרײַבט שאָלעקס פרײַנט אז פּרײַנסקי האָט א טעות, װען ער שרײַבט און באַגרינדעט אזוי שײן, אז "דאָס אידישע שטעטל איז געװען די שװאַרץ־ערד פון אונזער לעבן" בײַ אים דעם שרײַבער האָבן גאָר קײן אידישע שטעטלעך פול מיט לעבן און שאַפן, גאָרניט עקזיסטירט ער װײסט בלויז פון יונגװאַרג, װעלכע האָבן געהאַפט אַװעקצופאָרן אין דער גרויסער װעלט אַרײַן ־און אַלטװאַרג, װאָס האָבן געװאַרט צו שטאַרבן ־ ־ סוים ־ און מער גאָרנישט.

סװאָט מיך שטאַרק געװאונדערט װאָס װיל דאָ מר. באָרענשטײן זאָגן? סמאַכט דעם אײַנדרוק, אַז ער האָט נישט דעם מינדסטן אנונג װאָס די אידישע שטעטלעך זײַנען געװען.

מילא ער:איז דאָרט נישט געװען, אָבער די אידישע ליטעראַטור האָט ער געלײענט?װען איך בין אָבער געקומען צום סוף פון אַרטיקל, האָב איך שוין געזען צו װאָס ער צילט.

אײַנדערצײַט װען פרײַנסקי באַגרינדעט זײַן עסײ מיט אַרגומענטן, פון אַלע אונזערע גרויסע דיכטער, קומט מר. באָרענשטײן און לײקענט אַלץ אָפּ ער הײסט זיך גלײבן אויפן װאָרט: "איך פאַרזיכער אײַך", זאָגט ער צו ברײַנסקין, נישט אַנדערש נאָר אַז מר. באָרענשטײן האָט נישט געלײענט די אידישע ליטעראַטור, נאָר בלויז געהערט עטליכע פון די בהלה פּראָפּאַגאַנדע־רײדעס װען נישט, װאָלט ער נישט געקאָנט קומען צו אַזײן אויספיר אַז "אין די לעצטע 30 יאָר, איז די שװאַרץ־ערד געװען־ דער ־ ציוניזם", און אויך װאָט גענומען פאַרטרעטן, די תורה ומסורה.

מער איז גאָרנישט געװען אין די לעצטע 30 יאָר: דאָס אָפּגעזאָגט אין אײטעם, הויבט ער באַלד אָן צו באַװײַנען די לעבעדיקע דודלעך, װאָס װילן נישט נאָכגײן זײַן בהלה־פּראָפּאַגאַנדאַ.

אַט דאָ, איז די אַל אַרזים פון זאַק, אויב אַזוי, כאַפּט זשע נישטן געלאָסן װעלן מיר דערגײן צו אַטאַלק: קודם כל, װעגן דער עסײ איז דאָך נישט גויטיק דאָ נאָך אַמאָל איבערצוגעבן דאָס, װאָס שלמה ברײַנסקי האָט אַזוי דײַטליך באַװיזן, װי אונזערע גרויסע דיכטער האָבן מיט פילע עמערס געשעפּט פון דעם אידישן פאָלקס־אוצר געשאַפן טאַקע אין אַט די קלײַנע שטעטלעך װײסענבערג האָט אויסער זײַנע אידן פון "דור הולך ודור באָ" באַזינגען דאָס שטעטל, שלום אַש, איז פון אַלע זײַנע גרויסע טורנעען געגאַנגען שפּאַצירן איבער דעם "קײלער־געסל" סעגאַלאָװיטש, אַלײן פון ביאַליסטאָק, געװאַוינט אין װאַרשאַ און געזינגען האָט ער אין קוזמיר און אונזער יהואל לערער?

האָט מר. ב. געלײענט "מײַן חיים"? אויב נישט, זאָל ער בעטן ברײַנסקין, אָדער פרײַנט שאַלעק אים דאָס צו באַזאָרגן, װעט ער דאָרט זען װעלכע אידן און אידענעס יהואל לערער האָט געשילדערט.

אָבער די גרעסטע זאָרג ברײַנסקיס, איז דאָך װער װעט פאַרטרעטן יענע "שװאַרץ־ערד" יענעס פאָלקס־אידענטום, װאָס זאָל קענען געבן כוח און קראַפט אונזערע יונגע גײַסטער, צו קענען, אויף װײַטערדיקע דורות שמידן די גאָלדענע קײט פון אונזער אָלעמענס נאַציאָנאַלן לעבן.

איר זאָגט, אַז דער ציוניזם, קאָן דאָס באַװײַזן, איז דאָך דער ציוניזם בלויז אײן פאַרטײ פון אידישן פאָלק, דאָ האַנדלט זיך דאָך װעגן קיום פון גאַנצן אידישן פאָלק, אפילו די אידישע שפּראַך באַקעמפן זײ דאָך, און דאָס אידישע פאָלק רײדט און אָטעמט דאָך מיט דער אידישער שפּראַך.

קײן שום פּראָפּאַגאַנדע פון דעם מין קען נישט העלפן.

און יעצט די צװײטע פראַגע, דער טשװאָק פון דעם, װאָס מר. ב. איז אויסן געװען מיט זײַן שרײַבן: סשטעלט זיך די פראַגע, װי האָט אמענטש געקענט בלויז אָנשרײַבן עפּעס אַזעלכעס און דאָס פאָרלײגן פאַר די זשעלעכאָװער צום לײענען? װאָס װעט יעדער זשעלעכאָװער טראַכטן, װען ער װעט לײענען, אַז אין די לעצטע 30 יאָר, האָט אין זשעלעכאָװ, אָדער אין אַנדערע אידישע שטעטלעך גאָרנישט עקזיסטירט, נאָר בלויז ציוניזם?װײַזט אויס אַז פון קײן פאַקטן האַלט נישט מר. ב.

איך װעל רײדן בלויז װעגן זשעלעכאָװ, און דאָס װעט גענוג זײַן, אַז דער

אַרטיקל שרײַבער װעט אַמאָל װעלן שרײַבן, זאָל ער זיך אַביסל ערנסטער באַנעמען צו דער זאַך װײַל אויב נישט װעט אים קײנער נישט װעלן גלויבן.

פאַר אַלעס װיל איך דערקלערן, אַז דער ציוניזם עקזיסטירט שוין איבער 50 יאָר, גערעכנט פון ערשטן קאָנגרעס אין באַזעל.

נאָך דעם ערשטן װעלט־קריג, װען פּוילן האָט באַקומען איר אָפּהענגיקײט, אַלזאָ מיט 30 יאָר צוריק, װען מ'האָט אין זשעלעכאָװ דערװײלט דעם ערשטן שטאָט־ראַט, זײַנען דערװײלט געװאָרן 12 אידן, 6 פון זײ זײַנען געװען פון דער אַרבעטער באַװעגונג, די אַנדערע 6 זײַנען געװען אָרטאָדאָקסן און האַנדװערקער בײַ אַשפּעטערדיקן שטאָט־ראַט צו װעלכן ס'זײַנען דערװעלט געװאָרן 6 אידישע ראַטמענער, זײַנען פון זײ געװען 2 קאַנדידאַטן פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַרײַנען, יאַנקל סאַבעלמאַן און לײַביש, די אַנדערע 4, אָרטאָדאָקסן און האַנדװערקער.

אין יאָר 1928 װען מ'האָט דערװײלט אַסײם אין פּוילן, זײַנען פון דער אַלגעמײַנע צאָל אָפּגעגעבענע שטימען בײַ אונז אין זשעלעכאָװ, אַדריטל געװען פאַר דער ליסטע 39 פאַר װעלכע ס'האָט אַגיטירט דער פּראָפעסיאָנעלער פאַרײַן.

אין יאָר 1935 בין איך נאָך אַמאָל געװען אין זשעלעכאָװ אויף אַ קורצן באַזוך, דאָס איז געװען אין זעלבן זומער װען אסתר אַלטמאַן איז געװען, בלויז מיט 2 מאָנאַטן שפּעטער האָב איך דאָרט געטראָפן אַגרויסע אַרבעטער ...באַװעגונג מיט יונגע אָנפירער און הונדערטער מיטגלידער אין די פּראָפ...
...ײַנען.

...אַזוי, אַז בײַ דעם דאַמאָלדיקן טעראָר אין פּוילן־אַגרויסע אַרבעטער...
...ונג - און נישט קײן טויטע, און הײַנט גראַדע הײַנט קומט מען מיט
...לטע אויסגעדראָשענע בהלה שטימונג און מ'הײסט אַנטלויפן אַלע דודלעך
...אָרט, גראַדע הײַנט, װען די אידן דאָרטן האָבן אַלע מעגליכקײטן זיך
...צולעבן אויף אַלע געביטן נאַציאָנאַלע קולטורעלע און עקאָנאָמישע.

...ודרבה, אפשר הײסט איר אָנצורופן נאָך אַלאַנד װאו, אידישע שולען מיט
...יש אַלס אונטעריכט שפּראַך און אידיש טעאַטער אין דער אידישער שפּראַך זאָלן װערן אויסגעהאַלטן פון דער מלוכה? װען און װאו האָט אַ אידישער לערער אָדער אַרטיסט געװאוסט דעם טעם צו זײַן אַמלוכה אָנגעשטעלטער, מיט אַשטענדיקן געזיכערטן געהאַלט?

אויך פון בוענאָס אײַרעס האָט מען אײַנגעלאַדן 2 אידישע אַרטיסטן קײן לאָדזש צו שפּילן אידיש טעאַטער מיט אַ הויכן געהאַלט, די נעמען פון די אַרטיסטן זײַנען: חבל בוזגאַן און רבקה שילער.

מר. באָרענשטײַן רײדט צו דודלן װעגן זײַן שכן מערדער מיט דער אויסגעשמירטער האַק, דאָס איז געװען און איז הײַנט נאָך אין אַנדערע ערטער, דאָס איז דער אומגליק װאָס הײסט נאַציזם, ער גיט אָבער דערבײַ נישט קײן פּײַנטל מיטן אויג און װיל נישט דערמאָנען די 60 מיליאָן מענטשן מיט די קרימע מעסערס און שװערע טאַנקען, װאָס װאַרטן יעדע מינוט, אפשר װעלן זײ קאָנען אומברענגען אַ איד - לויט די ידיעות טוען זײ דאָס אויך.

דעריבער, אויב איר האָט געװאָלט שרײַבן װעגן אַזעלכע זאַכן, האָט איר באַדאַרפן זען, אַז ס'זאָל זײַן געשטיצט אויף עפּעס, אַז מ'זאָל אײַך קענען גלײבן.

צום סוף נאָך עפּעס

די גאַנצע צײַט װאָס איך האָב געלײענט דעם אַרטיקל, װעלכן שאָלעק האָט געבעטן זײַן פרײַנט אָנצושרײַבן, איז בײַ מיר אין געדאַנק דורכגעלאָפן אַ פראַגע: הזאות נעמין? איז דאָס דערזעלבער שאָלעק? נאָר װען איך האָב געלײענט װײַטער, אין זעלבן בולעטין, איז מיר די זאַך קלאָר געװאָרן.

## אשמועס מיט א פרײנט פון פעברואר בולעטין נומער 2

רבקה קאנער לאָס אנזשעלעס

ס'איז שווער צו דערווײזן אז מיר האַלטן נאך הײנט געהאט טאטע מאמע און אונזער משפחה, ווען אלע דודלעך און חײם לוזערס האַלטן געגלויבט אין די שײנע אידעאַלן פון ציון וירושלים.

פרץ הירשבײן האָט אמאָל געזאָגט: ליב האָבן די אײגענע משפחה איז פײן, ליב האָבן אונזערע שכנים איז נאָך בעסער ליב האָבן אונזער פאָלק איז נאָך העכער, ליב האָבן אלע פעלקער איז דער העכסטער אידעאל.

אָט די דודלעך און נאיווע חײמלעך, האָבן געטראָגן דעם גרעסטן אידעאל פאר דער מענטשהײט, אונזערע הערשער באַצאָלט זיך בעסער צו פארוואַרפן די אידעאלען, ווײל דאָס גיט זײ אמעגליכקײט צו רײטן אויף וועמענס פלײצעס.

נײע אידײען נעמען זיך אָן שטופענווײז, סנעמט דורות ביז א נײער געדאנק נעמט זיך אָן, ס'איז אסך גרינגער זיך צו האלטן מיטן אלטן אין וועלכן מ'איז שוין אײנגעאָרדנט, ווי איבערבויען אלטעס.

יעדער דענקער און שאפער פון א נײער שול איז געוואָרן אויסגעלאכט און אין בעסטן פאל איגנארירט, און נישט בלויז דאָס אלײן, נאָר אויך פארשפארט אין תפיסה אָדער גאָר אומגעבראכט, ערשט שפעטער האָט מען זײ אָנגעהויבן צו פארשטײן, ווען זײ האָבן שוין ניט געקענט זען די פרוכט פון זײער הײליקע ארבעט.

היסטאָריש איז דאָס ליכט צו דערווײזן, סאָקראטעס האָט מען פארסמט, שפינאָזאן האָט מען געלײגט אין חרם, און בלויז דורך עטליכע גוטע פרײנט איז שפינאָזא געבליבן לעבן. דעקארטס לערע האָט מען פארבאָטן אין אלע אוניווערסיטעטן, ווען ס'איז געקומען צו ברײנגען ליכט פאר דער וועלט, האָבן די הענקער געוואוסט וואָס צו טאָן אום פאָרצוזעצן זײער הערשאפט.

זיכער איז, אז דער מענטש ענטוויקלט זיך גאנץ לאנגזאם, דעריבער האָט אונזער גרויסער י.ל. פרץ געזאָגט: "מענטשן וואָס זעען ניט דעם פראָגרעס זײנען קורצזיכטיק" אפשר קאָן מען דאָס זאָגן אויף אונז אלעמען.

אפילו קינסטלער פון מאלערײ, וועלכע האָבן געלעבט אין 18טן און אין 19טן יאָרהונדערט, וועלכע האָבן געשאפן א נײע שול אין מאלערײ, זײנען ניט אנערקענט געוואָרן און געשטאָרבן פון הונגער, ערשט נאָך זײער טויט פאנגען אָן די מוזעאומס אָנצונעמען זײערע בילדער, וועלכע דערגײען אין גאָר הויכע פרײזן.

אמת, ס'איז שווער פאר אונז אידן צו דערמאָנען אין די 6 מיליאָן אומגעקומענע ברידער און שוועסטער, אינדערצײט ווען די א.ג. דעמאָקראטישע מלוכות האָבן געשוויגן, נאָך דעם קאָנען מיר שוין ניט טראכטן וואָס די טערקן האָבן געטאָן צו די ארמעניער און די דײטשן צו די טשעכאָסלאָוואקן, און אפילו צו די רוסן אָדער וואָס די "דעמאָקראטיעס" טוען יעצט צו די כינעזער און די אנדערע פעלקער אין אזיע.

ס'איז זײער שווער צו זען די זיכערקײט אין ישראל, אפילו אז מ'האָט אונז שוין אנערקענט פאר א מדינה, ווײל ערשט יעצט ווערן די אראבער באוואָפנט קעגן די אומבאשיצטע יונגע אידישע מלוכה.

איך וויל אז מ'זאָל מיך פארשטײן, פון מײן שטאנדפונקט, האָט יעדעס קלײנע פאָלק א רעכט זיך אויסצולעבן אין זײן לאנד און אין זײנע קולטורעלע אוצרות. איך האלט אָבער אז די וועלכע איר רופט אָן פראָזײאיש נאאיוו, זײנען געווען אידעאליסטן, די נאיווע דודלעך האָבן געדורשט און

געבענקט נאָך די אײביק גײסטליכע װערטן : ערע זײער אָנדענקען!

זײ האָבן אסך מער פארשטאַנען װי די פון ציוניסטישן לאַגער װעלכע האָבן געװאָלט בױען אַלאַנד אױף פאַפירענע בריקן, אָן שום פּאָליטישע גאַראנטיעס, אַבי האָבן די הײליקע לאנד װאָס אונזערע אורעלטערן האָבן אמאָל געװאָט, מאָדערנע מענטשן װילן א לאנד אין גײסט פון אונזערע נביאים און זײערע עטיקס, אַלאַנד אָן עקספּלואַטאַציע. סאיז זײער טראַגיש, סאיז אָבער דער אמת, אַז פאַר יעדן פּיצל געװינס פון פּראָגרעס, מוזן מענטשן באַצאָלן מיט לעבענס.

## טרויער־אקאַדעמיע צום 7טן יאָרטאָג פון װאַרשאַװער געטאָ־אויפשטאַנד, דורכגעפירט אין פאַנאַמאַ.

סעקרעטאַר שמעון באַראַן

דעם 19טן אַפּריל 8,30 אָװנט איז אין דער שול פון די האָלענדישע אידן אין פאַנאַמאַ אויף דער איניציאַטיװ. פון צענטראַל קאָמיטעט פאָרגעקומען א טרויער אקאַדעמיע צום 7טן יאָרצײט פון װאַרשאַװער געטאָ־אויפשטאַנד.

פּונקט 830 איז די גרויסע האָלענדישע שול פאַרפולט געװאָרן, צום ער־
וטן מאָל אין דער געשיכטע פון פאַנאַמאַ, זײנען די אידן געקומען אָפּגעבן
די געפאַלענע העלדן פון דער װאַרשאַװער געטאָ.
לע אידן אין פאַנאַמאַ, און אונטערשיד פון ריכטונג האָבן פאַרשטאַנען
גרויסן חוב צו קומען באַערן די מאַרטירער װעלכע האָבן אײנגעשריבן
לעטל אין דער געשיכטע אַז אונטער די שװערסטע באַדינגונגען האָבן
אידן אָן אונטערשיד פון ריכטונג געקעמפט העלדיק פאַרן אידישן
קײגן די נאַצישע באַרבאַרן.

פאַרשידענע אידישע, פאָרשטײער האָבן אָנגעװיזן אויף דער װיכטיקײט פון
ער אונטערנעמונג און אויף דעם כאַראַקטער פון געטאָ־קאַמף.

סאיז אויך דורכגעפירט געװאָרן א רעליגיעזער טײל אין טרויער אָװנט, מיט דער באַטײליקונג פון א כאָר, סהאָט אויך גערעדט אַפאָרשטעהער פון דער רעגירונג ד״ר מאָרגאַן.

סזײנען אויך געקומען אידן פון דער צװײטער שטאָט קאָלאָן דערונטער אלע אונזערע זשעלעכאָװער.

סמוז אָבער אונטערגעשטראָכן װערן, אַז די אקאַדעמיע האָט נישט װי געהעריג פאָרגעשטעלט און ניט אונטערגעשטראָכן דער מאָמענט פון די קאַמפן פון אונזערע העלדן װי אויך גאָרנישט דערמאָנט זײערע אידעאַלן װעלכע האָבן זײ באַװירקט צוגײן אין װעלדישן קאַמף.

אין אלגעמײן און אלס אָנפאַנג איז די אקאַדעמיע געװען געלונגען און האָט אלעמען באַקאַנט מיטן קאַמף פון אונזערע מאַרטירער כבוד זײער אָנדענקען.

## פאַרשפּעטיקטע עטליכע װערטער װעגן באָגאָטאַ

שאָלעק פאַנאַמאַ

איך װיל דערמיט אויסדרוקן א האַרציקן דאַנק אונזערע באָגאָטאַנער חברים און פרײנט װאָס האָבן אונז געהאָלפן דורכפירן די אקציע לטובת

אויבן:פון רעכטס צו לינקס:גיטל און
שיע יחסן,לייבל גרייצער פון נויארק
פרוי אסאטאנאוויטש,יאנקל אסאטאנאוויטש
און זייער קינדעלע,די לעצטע 3,לעצטנס
געקומען פון די לאגערן,פאטאגראפירט אין
מיאמי,צו דער געלעגענהייט פון גרייצערס
קומען דארט.
רעכטס:צביה ווארצעלמאן,יעצט ראזענטאל
מיט איר טעכטערל,טאבע שפרינצע,ווערט
דעם 12טן יוני 1 יאר אלט.









אויבן : זלמלע לעווינסקי, געווארן דעם
9טן מערץ, 8 יאר: מיט זיין מוטער גאלדע
כיפקעוויטש דע לעווינסקי .
לינקס: רחלע אקאניעווסקי, געווארן 4
יאר ועם 20טן מערץ, געפונט זיך אין
פוילן

אונזערע לאנדסלײט אין ישראל איבערהױפט די פרײנט ברוך דרעזנער און חנה מלכה לערער, און בין זיבלער די דאָזיקע זאמלונג איז בלױז אן אָנהױב פון מער אינטעסיװער הילפס־ארבעט װאָס דארף דערפירן צו דער פולשטענדיקער פארענדיקונג פון אונזער הײליקער ארבעט.
מיר לײגן אױך גרױסע האָפנונגען אָף דער פרױען־גרופע אין באָגאָטא און האָפן אז זײ װעלן איבערשטײגן דער ארבעט פון דער גרופע אין באראנקיללא.

זאָלן אײערע הענט געשטארקט זײן.

צוליב א פארזען פון דער רעדאקציע איז דער בריף געדרוקט געװאָרן מיט אפארשפעטיקונג, פאר װעלכן מיר בעטן ענטשולדיקונג.

## אן ענטפער פרײנט ברוך דרעזנער

שלום אָשלאק                                    אױסטראליען

פרײנט ברוך שרײבענדיק אין בולעטין נומער 2 װעגן מײן קריטיק אין נומער 1 באמערקט אז איך דראפע זיך אױף די גלײכע װענט.
איך האָב אָפילו געװאָט באשלאָסן אז אױב אמענטש ענטפערט אין אזײן פאָרם, איך זאָל אינגאנצן נישט ענטפערן. איך האָב זיך אָבער דערמאָנט א פסוק אין משלי קאפיטל כ״ו, דאָרט זאָגט זיך, ענה כסיל כאולתי פן יהיה כחם בעיני.
פרײנט דרעזנער װיל כשרין זײן ״קאָרטן־קולט״ און די שפראך אסימ־לאציע מיט 3 זאכן, אז אין באָגאָטא זײנען געװאָרן פארקױפט הונדערט ביכער פון דער אידישער ענציקלאָפעדיע אז מען גיט געלד אױף אידישע קאפּײנס און אז זײ האָבן דאָרט אײנגעאָרדענט א שײנעם ״יזכור־אָװנט״
אין זײן כשרן די שפראך־אסימלאציע פרוװט ער נאָך מיט מיר לערנען א קאפיטל אידישע היסטאָריע דערמאָנט מיך אז אין אונזער 2טױזנט יעריקן גלות האָבן מיר אסך מאָל געביטן די שפראך און דאָך געבליבן א פאָלק און ער װיל מיר באװײזן אז אין די שפאניש־אראבישע עפאָכע האָבן מיר ארױסגעגעבן גרױסע שעפער, װי ר״ יהודה הלוי און אנדערע װאָס האָבן געשאפן אין אראביש.
איך װיל פרײנט דרעזנער נאָך עפעס צוגעבן אז דער גרױסער רמ״בם האָט זײן גרױסן מאָנומענטאלן װערק דעם ״משנה תורה״און זײנע אנדערע גרױסע װערק װי אױך זײן גרױס פילאָזאָפיש װערק דעם ״מורה נבוכים״ אױך געשאפן אין אראביש און דער רמ״בם פסקנט אז״שמע בכל לשון אתה שמוע״ דאָס הײסט אפילו קריאת־שמע מעג מען זאָגן אין יעדע שפראך.
אָבער פרײנט דרעזנער איר האָט פארגעסן, אָדער איר װײסט נישט דעם עיקר און דאָס איז אז מיר זײנען געבליבן א פאָלק נאָך אזײן לאנגן צװײ טױזנט יאָריקן גלות איז עס אדאנק אונזער תורה, אונזער גלױבן, אונזערע שײנע אידישע טראדיציעס.
אױב די מאָדערנע אידישע יוגנט אין די אלטע װײם אפילו די א.ז.ג. ראדיקאלע, זײנען אין די לעצטע 4 צענדליק יאָרן אװעק פון דער אידישער אמונה און געבליבן הײסע נאציאָנאלע אידן, איז עס געװען אדאנק ארײע סיבות און קודם כל, סביבה און טראדיציע און דורות אײנגעזאפטן אידישן גלױבן און אידישע שײנע מידות, מיט אזײן גרױסן באגאזש־ האָבן זײ

געמוזט בלייבן הייסע נאציאנאלע אידן.
דעריבער איז גאנץ פארשטענדליך, וואס איר אפילו אין אזיין פארוואָרפעטע געם באגאטא, האט פארשטענדעניש פאר'א אידיש בוך און איר האט אן אפן הארץ און אן אפענע האנד צו געבן געלד, צו העלפן אונזערע ליידענדע ברידער אומעטום ווי זיי וווינען און איר געדענקט אזוי גוט דאס היימישע אידישע שטעטל, אפצוהיטן דעם טרויער טאג פון אומקום פון די אידישע שטעטלעך מיט זייערע אידן.
אבער וואס האט איר געגעבן אייערע קינדער? און וואס זעען זיי ביי אייך? קיין אידישע סביבה איז ניטא, קיין אידישע רעליגיע און טראדיציע זעען זיי ביי אייך ניט, און איר זיינט נישט אינטערעסירט אז זיי זאלן דאס זען, איר גיט זיי בלויז שפראך־אסימלאציע, און זיי באזוכן קאטוילישע שולען, וואס דורך דעם וועלן אסך פון זיי נישט בלייבן בלויז שונאים דעם אידישן פאלק, נאר אויך אנטקייגן אייך אליין.
און ביי אייך אינדערהיים, האט איר זיי צו ווייזן אייער נייעם אינהאלט אין לעבן, און דאס איז דער קארטן קולט און דאס איז דער באגאזש וואס איר האט איבערצוגעבן אייערע צוקונפטיקע דורות.
דעריבער פריינט דרעזנער: דראפעט איר זיך טאקע נישט אויף די גלייכע וועגט נאר איר זיינט שוין אזוי ווייט אוועק, אז איר זעט נישט, אז איר דראפעט זיך אויף קרומע בערג.

## באריכט פון אויסטראליען

סעקרעטאר דארקע פאפאווסקא

דעם 16טן אפריל איז פארגעקומען אן אלגעמיינע פארזאמלונג פון די זשעלעכאווער אין אויסטראליען, אין דעם זאל פון דער "קדימה", דער פארזיצענדערשנאפסטיילער עפענט די פארזאמלונג און אפעלירט פאר'הילף צו אונזערע זשעלעכאווער נאר וואס געקומענע אין ישראל.
מיט ווארעמע ווערטער באגריסט ער די פארזאמלטע ער שטרייכט אונטער די וויכטיקייט פון אונזער מיטארבעט אין העלפן אונזערע זשעלעכאווער, באגריסט דריי פריש געקומענע זשעלעכאווער, די פריינט ד. מיאדאווניק, ראטמאן און גערמאן.
פריינט ראטפארב גיט איבער א בילד פון די שווערע מאטעריעלע באדינגונגען אין ישראל, אונזער חוב איז, צו העלפן אונזערע שוועסטער און ברידער מיט אלע מעגליכקייטן.
פריינט שלום אשלאק גיט איבער אקורצן באריכט פון בולעטין נומער 2 ער זאגט זיך אפ פון מיטצוארבעטן מיטן קאמיטעט צוליב פארשיידענע סיבות, אבער דערקלערט ער, ער איז גרייט צו העלפן צו יעדע צייט.
פריינט ניישטעטער שטרייכט אונטער די וויכטיקייט פון אונזער ארגאניזאציע פאר אונז ווי אויך פאר אלע זשעלעכאווער איבער דער וועלט, ער דערמאנט נאכאמאל דעם וויכטיקסטן פונקט פון דער הייניקער פארזאמלונג.
אלע אנוועזענדע האבן זיך באגייסטערט אפגערופן מיט באשטייערונגען, און טראץ דעם וואס אקליינע צאל זיינען געווען פארזאמלט/צוליב טראנספארט שוועריקייטן/ איז געזאמלט געווארן אויפן ארט 173 פונט, אויסער א געוויסע סומע וואס דארף נאך געזאמלט ווערן, מיר גלייבן אז קיינער וועט זיך נישט אפזאגן צו באשטייערן פאר אט דעם צוועק.
פריינט ראטפארב באריכט נאך איניקע לאקאלע פראגן און דער מיטינג ווערט געשלאסן.

## זשעלעכאָווער אין קאָסטאַ־ריקאַ ביי דער אַרבעט

סעקרעטאַר ציריל בראָן

דאָס קומען פון די 2 פריינט אסתר און שאָלעק אלטמאַן פון פאַנאַמאַ צו אונז קיין קאָסטאַ־ריקאַ, האָט אריינגעבראַכט אנאויפלעבונג אין אונזער אַרבעט, לטובת אונזערע נאָך ליידענדע שוועסטער און ברידער.

פריינט אלטמאַן האָט פאָרגעבראַכט אַ פּלאַן ווי אַזוי צו שאַפן קאָנסטרוקטיווע הילף פאַר אונזערע זשעלעכאָווער עולים וועלכע זיינען געקומען קיין ישראל, טרעפנדיק זיך מיט א פאָרשטעהער פון "אָרט" ד"ר. מאָרגאַן וועלכער איז געקומען וועגן הילף פאַרן "אָרט".

מיר האָבן אויסגענוצט די געלעגענהייט און גערופן אַ פאַרזאַמלונג צו וועלכע מיר האָבן אויך איינגעלאַדן ד"ר. מאָרגאַן, נישט אַלע זשעלעכאָווער אין קאָסטאַ־ריקאַ זיינען געקומען צו דער פאַרזאַמלונג, אָבער דאָך, אַ היפּשע צאָל.

פאָרזיצענדער פריינט שלום לעווינסקי עפנט די פאַרזאַמלונג און גיט דאָס ערשטע וואָרט צו פריינט שאָלעק אלטמאַן, וועלכער קלערט אויף דעם פּלאַן און וואָס סאיז שוין געלונגען צוטאָן ארום דער אַקציע פאַר די זשעלעכאָווער אין ישראל.

דאָס צווייטע וואָרט באַקומט דער גאַסט ד"ר. מאָרגאַן וועלכער קלערט אויף די ברייטע מעגליכקייטן וועלכע זיינען פאַראַן פאַר אונז זשעלעכאָווער ביי אַקליין ביסל אָנשטרענגונג און אַנוטן ווילן, קאָן מען איינאָרדנען אונזערע זשעלעכאָווער אין ישראל געבענדיק זיי אַמעגליכקייט פאַר אַזיכערן עקזיסטענץ.

דער פּלאַן פון ד"ר. מאָרגאַן איז געווען, אַז מיר זשעלעכאָווער פון אומעטום זאָלן שאַפן אַ 16 אָדער 12 טויזנט דאָלאַר, מיט אַזיין סומע וואָלטן מיר זיך געקאָנט פאַרשטענדיקן מיט די אָנפירענדע אינסטאַנצן פון "אָרט" און זיי וואָלטן אונז געגעבן מאַשינען אין ווערט פון 40 אָדער 50 טויזנט דאָלאַר און מיר וואָלטן געקענט שאַפן אַ קאָאָפּעראַטיוו ווי אַלע וואָלטן געקענט האָבן אַרבעט, זיך לערנען אַמלאכה. און דאָס וואָלט געווען דער שענסטער מאָנומענט פאַר אונזער חרוב געוואָרענע שטאָט זשעלעכאָוו.

סהאָבן נאָך גערעדט פריינדין אסתר אלטמאַן און אַנדערע, די זאַמלונג אויפן אָרט האָט אריינגעבראַכט 265 דאָלאַר, מיר האָפן אַז קיין איין זשעלעכאָווער וועט ניט אָפּזאָגן פון מיטהעלפן אין דער וויכטיקע אַקציע. סאיז דערוויילט געוואָרן אַ קאָמיטעט פון 6 פערזאָן אָנצופירן און אַדורכצופירן די אַקציע מיט דערפאָלג.

פאָלגענדע זיינען דערוויילט געוואָרן אין קאָמיטעט: שלום לעווינסקי, יאַנקל פאַרבער, ציריל בראָן, אהרן ברוטמאַן, בערל מייכעל און חיים מאיר ווייַנבערג נעמענדיק עטליכע פאָטאָגראַפישע אויפנאַמעס, האָבן מיר געשלאָסן די פאַרזאַמלונג.

## ביכער ־ פאָנד

שאָלעק אלטמאַן פאַנאַמאַ

שרייבט אונז א פריינט אליין א שרייבער, וועגן דער פראַגע "פאַרלאַג" קיין אידישע פאַרלאַגן זיינען ניט פאַראַן, די נעמען "ציקאָ" פאַרלאַג א.א. בלויז א פיקציע. ווען איר האָבן געלט, ווען איר שוין געפונען דעם

פאסיקן מענטשן און איר וועט ארויסגעבן די ביכער פון אייער שרייבער אזוי שיין און עסטעטיש ווי איר ווילט...

חוסט דאס פריינט סאיז בלויז אפראגע פון געלט, דער נומער פיר בולעטין געווידמעט אונזער ליבן ברייסקי וועט זיכער אנרעגן אלע אנדערע לאנדסלייט און פריינט אונז העלפן אין דער דאָזיקער בכבודיקער אקציע.

איר געדיינקט דאך דאס ווערטל ביי אידן אז מען רופט אן א נאָמען פון איינעם וואָס איז געוואָרן א שרייבער און א גוטער דערצו, וואונדערט זיך דער צוהערער" ער משה, א שרייבער, איך קען דאך אים!"..

סאיז אנגענומען אז א שרייבער דארף שטיין אף א זייער הויכן טורעם, זאָל זיין קינסטלערישער און אראפקוקן אף אונזערע "אָרעמע מענטשן"... איז אָבער פאראן א מענטש מיט טאלאנט וואָס אפילו די גוים אנערקענען און וויל זיך נאך חברן מיט "עמך" איז דאס עפעס וואס דער געוויינלאכער מענטש קען ניט פארשטיין.

אונז אימפאָנירט עס גראד יאָ און סאיז א פרייד צו האָבן אין אונזערע רייען א באגאבטן פיינעם דערציילער וואָס ניט בלויז האט ער ניט פארגעסן אונזער שטעטל נאָר שעפט פון דארטן, מיט פולע עמערס, מאטעריאלן פאר זיין קינסטלערישן אויסדרוק און שאפן.

מיט זיין רעאליסטיש צארטער פען גיט ער א תיקון טיפן און גרופעס פון אונזער געבורטס-פלאץ וואָס זיינען אזוי מערדעריש אומגעקומען. ער שטעלט א קינסטלערישן מאָנומענט פאר אונזערע נאָנטסטע און טייערסטע.

ווילן מיר, מוזן מיר, אלע אן אויסנאם העלפן און העלפן ארויסגעבן די דאָזיקע ווערק.

קודם כל די אָרגאניזאציע אלס א גאנצע דארף צוטראָגן א באשטימטע סומע פונקט ווי סהאָבן דאָס געטאָן באראנקילא און פאנאמא, קיין איין גרופע אונזערע טאר ניט פעלן.

עס קען געמאכט ווערן אן אונטערנעמונג פאר דעם צוועק. בעסער וואָלט געווען, ווען סגעפונט זיך עמיצער וואָס קען האלטן א רעפעראט אדער פאר-לייענען פון אונזער חשובן שרייבער און פריינט ברייסקי. פאראן פאסיקע זאכן אין זיין בוך וואָס בעטן זיך ממש פארגעלייענט צו ווערן, אָדער אפילו ווערן דראמאטיזירט אָף דער בינע.

פאראן כמעט אין אלע זיינע ארבעטן געניג דראמאטישע מענטשלאכע קאָנפליקטן וואָס בעטן זיך פארגעבראכט צו ווערן פאר א גרויסן עולם.

די דערציילונג צ.ב. "די פערטע מתנה" האָט געהאלטן געשפאנט א ריי-זיקן עולם ביי איינעם פון אונזערע טרויער אָוונטן. דאָס דארף אויסגענוצט ווערן, כדי געבן חשיבות אונזער ארבעט ווי אויך אריינברייגען א היפשע סומע פאר דעם ביכער פאנד.

סאיז נישט קיין גרינגע ארבעט היינטיקע צייט ארויסצוגעבן א יידיש בוך א יחיד און ספעציעל א יידישער שרייבער קאָן דאָס, צום באדויערן ניט טאָן, אויסער די יעניקע וואָס זיינען אריינגעפאסט אין א באשטימטן פאָליטישן ראָם.

אונזער ברייסקי איז צופיל שרייבער און שטאָלצער מענטש, אז ער זאָל בעטן טובות אָדער מאכן פאָליטישע הנדלעך. מוזן מיר זשעלעכאָווער איבער דער גאנצער וועלט מאכן די ארבעט פאר א וויכטיקן טייל פון אונזערע טעטיקייטן.

וויפל נחת און פרייד האָט אריינגעבראכט דער ברייסקי נומער צווישן אונזערע פריינט אומעטום. סאיז א שטאָלץ און א כבוד צו האָבן אזא פריינט צווישן אונז וואָס מיט זיין טאלאנט סטארטשעט ער אריבער דעם ענגען קרייז,

שאפט און טראגט צו אן איינן קאפיטל צו דער יידישער ליטעראטור.

שרייבט באטאשאנסקי "בריינסקי איז איינער פון די וויכטיקסטע שרייבער אין קאלאמביע, ניט בלויז פון יידישע נאר פון, טאקע, קאלאמביאנער שרייבער".

אזא זאג פון באטאשאנסקין, וואס האט פיינט זיך צו ווארפן מיט לויב געזאנגען, פרייט אונז באמת.

לאמיר דערייבער אין יעדן נומער בולעטין זען א נייע ליסטע פון באשטייערונגען פארן ביכער פאנד ניט בלויז פון גאנצע ארגאניזאציעס, נאר אויך פון יחידים.

א גוטן ביישפיל האבן געוויזן עטלאכע פריינט לאמיר זיי ניט לאזן אליין. אלע ווי איינער פאר דעם ביכער - פאנד.

## אונזערע פריינט שרייבן

פריינט יעקב הערש אשלאק פון פוילן שרייבט: איך בין געפארן מיט אן אויספלוג קיין אשוויענטשים, זעען דעם גרויסן יידישן חורבן, ערשטנס האט מען אונז אריינגעפירט אין א פאוויליאן וואו סליגן 15 טאן מענטשליכע האר, און נאכהער האט מען אונז געפירט אין א פאוויליאן וואו סליגן טליתים, שטראמלען און חסידישע קאפאטעס און דאן אין א פאוויליאן וואו עס ליגן וואליזעס מיט יידישע אויפשריפטן, נאכהער אין א פאוויליאן וואו עס ליגן מנורות לייכטער חנוכה לעמפלעך א.א.

אבאזונדערע אפטיילונג איז פאראן די פרויען אפטיילונג א פאוויליאן מיט פרויען קליידער און קינדער צעפלעך אפגעשניטן מיטן באנד פארפלאכטן אין די האר.

איך האב געזען אבארג מיט מענטשליכע אש און אבארג מענטשליכע ביינער, ווי אויך הונדערטער טויזנטער פאר שיך און נאך פיל שוידערליכע זאכן, איך בין אהיים געקומען אצובראכענער און קראנקער.

אינטערעסאנט וואס סהאלטן געזאגט די וועלכע קריטיקירן די "גרינע" אז זיי ווילן נישט ארבעטן, ווען מפירט דארט אריין די קריטיקער, אז זיי זאלן זען וואס די מענטשן האבן דורכגעלעבט.

אבער די וויפט זאך: שוין האט מען פארגעסן אין די אלע מערדערייען און שוין באוואפנט מען ווידער אונזערע מערדער נישט לאזנדיק פארניכטן זייערע קרעמאטאריום פאבריקן, ווייזט אויס מרעכנט זיי ווייטער צו נוצן.

פריינט אריה לעדערמאן פון ישראל שרייבט וועגן דער לעצטע פארזאמלונג פון די זשעלעכאווער אין ישראל: ביי אונז אין צענטר איז געשטאנען דער צוזאמענפאר פון די זשעלעכאווער פארגעקומען חול-המועד פסח אין זייער אן אימפאזאנטע פארם לויטן היגן סיסטעם איינפאך אבער איינהאלטסרייך.

עס זיינען געקומען זשעלעכאווער שיסטער און שניידער, טראקטאר-ארבעטער און באנק בעאמטע, ארביימער און פאבריקאנטן, סאלדאטן און פולקאווניקעס און אפילו א זשעלעכאווער גענעראל.

די צאל אנטיילנעמער איז געווען זייער אגרויסע, זשעלעכאוו איז געשטאנען פאר די אויגן: אט קושט מען זיך און אט וויינט מען דארט שטיל אין ווינקל, דא און דארט האט מען זיך ארומגענומען געקושט און געוויינט.

זייער אסך פאראן צו שרייבן וועגן דער פארזאמלונג.

## װער האָט באַשטײערט צו דער ישראל אקציע!

**ארגענטינא**

**סאַנטאָס** /בראזיל/

**ריאָ דע זשאַנײראָ** /בראזיל

**באָגאָטא** 451.50

אלגעמײנע קאָלאָניע : **באראנקיללא** 150.00 פּרזיען גרופּע:

**מעדעללין** אקאַנטאָ 100.00

**פּאנאמא** 285.00

**קאָסטא־ריקא**

**ארובא** האָדעס און שמעון װיערזשביצקי
10 דאָלאר

**װענעזועלא**

**סאנטאָ־דאָמינגאָ**

**טרינידאד**

**פּאריז**

**אויסטראליען**, געשאפן, נאָך ניט צוגעשיקט

**קאַנאדא**

**נויאָרק** לײבל גרײצער 10 ד. משה בּאָרו־
כאָװיטש 15 ד.

**שיקאַגאָ** לײביש הײסלעדער 5 דאָלאר

**יחידים**

רבקה קאָנער לאָס אנזשעלעס 3 דאָל.
ישראל הײסמאַן רוזװעלט נ.דזש. 3 דאָלאר

צוליב א פּארזען איז אויסגעלאָזן געװאָרן די
150 דאָלאר פון בּאַראַנקיללא װעלכע זײנען שוין
געשיקט געװאָרן און װערן קװיטירט אין דעם
נומער.

## ביכער - פאָנד

| | |
|---|---|
| ישראל | 25.00 |
| ארגענטינא | |
| סאַנטאָס/בראזיל | |
| ריאָ דע זשאַנײראָ/בראזיל, יחיאל לערער ביכער | 40.00 |
| באָגאָטאַ | |
| באַראַנקילא, אלגעמײנע קאָלאָניע און פרויען גרופע | 100.00 |
| מעדעללין | |
| פאַנאַמאַ געליהען | 100.00 |
| קאָסטא-ריקא פאר יחיאל לערער ביכער | 18.00 |
| ארובא, האָדעס און שמעון הירזשביצקי | 5.00 |
| װענעזועלא | |
| סאַנטאָ-דאָמינגאָ | |
| טרינידאד | |
| פאריז | |
| אויסטראַליען, פארקויפט ביכער נאָך ניט צוגעשיקט די געלד | |
| קאַנאַדאַ | |
| נויאָרק, משה באָרוכאָװיטש 2 דאָלאר, | |
| שיקאַגאָ, לײביש װײסלעדער 5 דאָלאר, פיליפ מײסטער 5 דאָלאר | |
| יחידים, יאַנקל אסאַטאַנאָװיטש מיאמי פארקויפט ביכער<br>אונזער ליבער שלמה ברײנסקי | 7.50<br>155.00 |

# CENTRAL COMMITEE OF JEWS IN POLAND

WARSAW, Sienna Str: 60

## צענטראַל קאָמיטעט פון ײדן אין פוילן

וואַרשע, שענגע 60

In reply please quote our number

L.dz.131/Kz./50. וואַרשע, דעם 12טן אפּריל 1950.

צו
דער זשעלעכאָווער הילפס-אָרגאַניזאַציע
אין טשיקאַגאָ

חשובער פרײַנט:

מיר האָבן דערהאַלטן אײַער בריוו פון 11טן מערץ ד.י.

מיר זײַנען צופרידן וואָס איר זײַט אַרויסגעפירט געוואָרן פון אַ טעות און איר האָט גענומען צו קענטעניש אונדזער אויפקלערונגען וועגן ענין ווײַסנבערג.

דער טערמין פון שטעלן די מצבה איז נאָך אַנטגילטיק נישט באַשטימט. די צוגרייטונגס-אַרבעטן דויערן נאָך. מיר וועלן אײַך איבערשיקן אַ פאָטאָגראַפיע פון דער מצבה אײדער זי וועט געשטעלט ווערן. מיר וועלן זיך אויך באַמיען אײַך צושיקן צו דעם טערמין אַן אַנטשפּרעכנדיקן אַרטיקל וועגן ווײַסנבערגן.

וואָס אַנבאַלאַנגט דעם איבערדרוק פון ווײַסנבערגס „דאָס שטעטל" – עווענטועל מיט נאָך עטלעכע אָפּגעקליבענע נאָוועלן וואָלטן מיר דאָס בײַ געוויסע אומשטענדן געקענט דורכפירן. די קאָסטן דערפון דאַרפן בײַ אונדז אויסמאַכן אַן ערך פיר הונדערט טויזנט זלאָטעס (בײַ טויזנט דאָלאַר).

מיט די בעסטע גרוסן:

........................ ........................
י. לאַזעבניק מ. ביכער
גענעראַל סעקרעטאַר מיטגליד פון אויספיר-ביוראָ

א בריף פון צענטראַל קאָמיטעט פון ײדן אין פוילן, צום זשעלעכאָווער הילפס-קאָמיטעט אין שיקאַגאָ

דאָס איז אַ בריוו מיט וועלכן מיר האָבן זיך געוואַנדן צום צענטראַל קאָמיטעט פון ייִדן אין פּוילן.

שיקאַגאָ דעם 14טן מאַי

צענטראַל קאָמיטעט פון ייִדן
אין פּוילן
וואַרשע שעננע 60

חשובע פרײַנט!

אין נומער 14 /438/ פון "דאָס נײַע לעבן" געפינט זיך אַן אַרטיקל וועגן דער אינטערווענץ פון צ.ק. פון די ייִדן אין פּוילן בײַ די מאַכט אָרגאַנען וועגן באַשיצן די ייִדישע בית־עולמס.
מיר האַלטן דערײַבער געוואָלט ציען אײַער אויפמערקזאַמקייט אויף דער לאַגע אין דעם ענין - אין זשעלעכאָוו.
פיל פון אײַך ווײסן וואָס זשעלעכאָוו האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט, אמײַנסטן מוז דאָס געדענקען פרײַנט שמעון, וועלכער איז פיל מאָל געווען אין זשעלעכאָוו אַנאָרבעטס־שטאָט מיט אַ קאָכיק אָרגאַניזאַציאָנעל לעבן, פון דעם אַלעם איז גאָרנישט געוואָרן, אין זשעלעכאָוו געפינט זיך נישט בײַם הײַנטיקן טאָג קײן אײן ייִד.
די צאָל זשעלעכאָווער אין פּוילן, זײַנען פּראָדוקטיוו אין פאַרשידענע שטעט אין נידער־שלעזיען.
דער ייִדישער בית עולם אויף וועלכן סגעפינען זיך די מאַסן קבֿרים פון טויזנטער פּאַרטיזאַנען און סתּם ייִדן בלויז פון די לעצטע היטלער שחיטות און אַם דער בית־עולם איז אַן אָפענער פּלאַץ פאַר פּאַשן חזירים א.א.
נישט קוקנדיק אויף אונזערע אינטערווענצן בײַם מאַגיסטראַט וועגן אַ צוים צו וועלכן מיר האָבן געוואָלט בײַשטײַערן, איז דאָס אונז ביז הײַנט נישט געלונגען.
מיר בעטן אײַך דערײַבער צו אינטערווענירן אויך אין דעם ענין.
דאַנקענדיק אײַך אין פאָראויס, בלײַבן מיר
מיט דרך ארץ
פאַר די זשעלעכאָווער איבער דער וועלט
סעקרעטאַר ל. ווײַס

## טײַערער חבֿר און פרײַנט מרדכי.

מיר האָבן איבערגעלײענט די צוויי אַרטיקלען דײַנע פון דער ישׂראל גרופּע. ווייפיל מיר האָבן זיך פאָרגעשטעלט די לאַגע דאָרטן און די שווערינקײטן אײַערע, איז דאָס בלויז אַ קלײנער טײל פון דעם ווי סזעט פאַקטיש אויס אין דער אמתן.
ס'איז אַן אומגעהויערע שווערע אָבער דאַנקבאַרע אַרבעט, און צו וואָס לײַ־קענען, אַז דײַן מיטהילף וואָלט דאָס אויסגעזעען גאָר אַנדערש. אונזער אַרבעט אומעטום ווערט געטראָגן פון בלויז יחידים, אײַנגעשפּאַרטע פאַנאַטיקער וואָס ווילן זיך נים אונטערגעבן, אַפילו ווען, צום באַדויערן, די גרעסטע מער־הײט איז נאָך אַלץ אַפּאַטיש.

ספּאָדערט זיך גלויבן און װי די האָסט ליב צו זאָגן : האַרץ און האַרץ
װיפל מאָל װערט מען מיד פאַרמאַטערט (פרעג דאָס אונזער לײבישן)
אנטױשט זאָגאַר פון יענע אומדאַנקבאַרע װאָס שאַצן איטלעכן לױט זײער
אײגענעם מענטאַל'טעט – און דאָך מוזן מיר מיט אַלע כּוחות אָנהאַלטן און
װײטער טראָגן אונזער הײליקע אַרבעט.

באמת א פרײד צו זעען דיך, שטענדיק יוגנטלעכן מיט מוט גלויבן און
װילן געשטאַרקטן, נאָך דעם װי די' שטײסט בײ דער אַרבעט אין ישראל א פערטל
יאָרהונדערט.

אזא אָפּשנוט אין א מענטשלעך לעבן איז ניט קײן קלײניקײט. דײן
אַרבעט איז אָבער ניט צעטרענצלט געװאָרן װי בײ מאַנכע נאָר געטאָן געװאָרן
אָף א באָדן װאָס האָט געבראַכט רעזולטאַטן פון א דױערהאַפטן היסטאָריש
נאַציאָנאַלן באַטײט.

מיר װאונטשן דיר לאַנגע יאָרן פון געזונט אַרבעט װײטער װי ביז איצט
פאַרן נוצן פון אונזער פאָלק, פאַר אונדז אַלעמען.

דײן יום־טוב איז אױך אונזערער.

אסתר, שאָלעק אַלטמאַן                    פּאַנאַמאַ

פּ.ס. : א האַרציקן דאַנק דער גאַנצער גרופּע
פאַר די אַלע שבחים אָף מײן רעכנונג.

*Mme Cahané,*

*Mr & Mme Maurice Hepner ont le plaisir de vous faire part du Mariage de leur Petite-Fille et Fille Jacqueline, avec Monsieur Henri Krischer.*

*Et vous prient d'assister à la Bénédiction Nuptiale qui leur sera donnée en la Synagogue de Nancy, le Dimanche 25 Juin à 16 heures.*

*45 bis, Rue des Ponts, Nancy*

ה״ און פרוי יחיאל העפּנער האָבן דעם כּבוד אײנצולאַדן אַלע זשעלעכאָװער
פרײנט אויף די חתונה פון זײער טאָכטער זשאַקלין מיט ה״ האַנרי קרישער
װעלכע װעט פאָרקומען דעם 25טן יוני 1950 אין נאַנסי פראַנקרײך
דאָס איז דער טעלעגראַפישער אַדרעס :

HEPNER-KRYCHER 45 Rue des Ponts, Nancy, France

## אנערקענונג

אלס אנערקענונג פאַר פרײַנט ברוך דרעזנער פון באָגאָטאַ פאַר זײַן איבער-געגעבענע ארבעט פאַרן בולעטין ,ווי פאַר אונזערע אלע הילפס-אקציעס טײלן מיר אים צו א יאָרגאַנג בולעטין מיט גוטע וואונטשן ווײטער פאָרטזעצן זײַנע אקטיוויטעטן.

מיטן צוטײלן א יאָר בולעטין דרוקן מיר אויס אונזער אנערקענונג צו אונזער פרײַנט ,סעקרעטאר פון ל״ל פאַרײַן אין ארגענטינא :אברהם ראָכווערגער ניט קוקענדיק אויף די פיל שוועריקײטן ,האָט אונזער פרײַנט פיל געטאָן פאַרן בולעטין און פאַר אנדערע הילפס-ארבעטן ,מיר וואונטשן אים ווײטערע דערפאָלגן.

## באַשטײַערונגען פאַרן ביכער - פאָנד

| | |
|---|---|
| פאַרקויפטע יחיאל לערער ביכער אין באָגאָטאַ | 39.42 |
| האָדעס און שמעון וויערזשביצקי פון ארובא | 5.00 |
| פון נומער 4 | 455.15 |
| צוזאַמען | 499.57 |
| דאָס שיקן די ביכער קײן באָגאָטאַ | 1.55 |
| בלײַבט פאַרן ביכער פאָנד | 498.02 |

## לעצטנס געשיקטע הילף

| | | |
|---|---|---|
| דעם קאָמיטעט אין ישראל | 150.00 | פון פרויען גרופּע און אלגעמײנע קאָלאָניע אין באראנקיללא |
| " " " | 5.00 | לײביש ווײסלעדער שיקאַגאָ |
| " " " | 10.00 | האָדעס און שמעון וויערזשביצקי ,ארובא |
| רבקה ז. פוילן | 5.00 | פון הערשל טאָפּאָרעק באראנקיללאָ |
| דעם קאָמיטעט פון פוילן | 30.00 | פון דער פרויען גרופּע אין באָגאָטאַ |
| צוזאַמען | 200.00 | |

## וועלכע זשעלעכאָווער האָבן באַצאָלט פאַרן בולעטין 1950?

| | | |
|---|---|---|
| איטשע רובינשטײַן | באָגאָטאַ | 2.00 |
| ישראל גוטערמאַן | " | 2.00 |
| טשײַטל גובערעק | " | 1.50 |
| א.קאַץ | קאַלאָן | 2.00 |
| ח.בערעזינער | פאנאמא | 2.00 |
| י.ד.בערעזינער | " | 2.00 |
| ח.פאָלער | " | 2.00 |
| י.געלער | " | 2.00 |
| האָדעס און שמעון וויערזשביצ.ארובא | | 10.00 |

| | | |
|---|---|---|
| כוליו הימעלפארב | באַראנקיללא | 2.00 |
| בן ציון טישלער | קאָסטא-ריקא | 1.50 |
| שמעון פײנגעזיכט | 〃 〃 | 2.00 |
| פרידמאַן | ניו-יאָרק | 1.50 |
| ישראל יצחק כאַבערמאַן | סאַן פראַנציסקאָ | 2.00 |
| מרס. הערבסט | שיקאַגאָ | 1.50 |
| זשעלעכאָװ-גאַרװאָלינער פארײן אין ארגענטי-נא | | 5.00 |
| ברידער קאַסמאַן, עובדיה, מרדכי און שמעון | אָרגענטינא | 10.00 |
| אברהם ראָכװערגער | 〃 | 3.00 |
| משה פאַסטמאַן | 〃 | 2.00 |
| טאָפּשע גרושעצקי | | |
| דע מענדזשיצקי | 〃 | 2.00 |
| פסח װײנציר | 〃 | 2.00 |
| איטשע ליפשיץ | 〃 | 2.00 |
| משה אײזענבערג | 〃 | 2.00 |
| משה װײנציר | 〃 | 2.00 |
| רחל װײנציר (דע גובער) | 〃 | 2.00 |
| ישראל אײזענשלאָס | | |
| (פרעזידענט פון פארײן) | 〃 | 2.00 |
| גאָדל נאַכטײלער | 〃 | 1.60 |
| משה פראָימזאָן | 〃 | 1.50 |
| שמחה דאַנאָװיטש | 〃 | 1.50 |
| משה דאַנאָװיטש | 〃 | 1.50 |
| דושטשע ראָטמאַן | 〃 | 1.50 |
| זישע װײנציר | 〃 | 1.50 |
| װאָלף שיפערמאַן (א לאַסקאַראָװער) | 〃 | 1.50 |
| לאה קאַץ (דע קורצטאַג) | 〃 | 1.50 |
| הערשל דרעס | 〃 | 1.50 |
| אלטער װײנציר | 〃 | 1.50 |
| מאיר שלאַק | 〃 | 2.00 |
| פעלטע װאַניעװיטש | 〃 | 1.50 |
| אסתר ליפשיץ דע צװי | 〃 | 1.50 |
| שײנדל פעלדמאַן (דע אגרעסט) | | |
| חימקע משה הערש טאָכטער | 〃 | 2.00 |
| משה ראָטערמאַן | 〃 | 1.50 |

## דאַנק אויסדרוקן

אין נאָמען פון מײן שװאָגער און שװעסטער װי אויך אין מײן אײגענעם נאָמען דרוק איך אויס אונזער טיפסטע דאַנקבאַרקײט פארן צושיקן די מעדיצין װעלכע האָט מײן שװאָגער אזוי גיט געהאָלפן.

סעקרעטאַר ש. בורקשטײן    פוילן

צו אלע זשעלעכאָװער איבער דער גאָרער װעלט

מיט גרױס פרײד האָבן מיר געלעזן אײערע הארציגע װאונשן צו דער חתונה פון אונזער ליבע טאָכטער ידא מיט ה״ זשאק זײדערמאַן

אונזערע בעסטע דאנקן אײך אלע

שרהלע און ישראל העפנער פאריז

---

אונזערע פרײנט: ברכהטשע און זײנװל בליסקע אין נאנסי (פראנקרײך) אנאָנסירן דעם געבורט פון זײער זונעלע, געבוירן דעם 6טן יאנואר.

די עלטערן

---

אונזערע הארציקע געזונט

און גליק װאונשן אונזערע טײערע שרה און שמואל טוכבראָך צו דער חתונה פון זײער טאָכטער, האָט פיל נחת פון איר און צום יונגן פאָר

זײט גליקליך אין אײער צוזאמענלעבן

ברכטשע, זײנװעל אין אונזערע 3 קינדערלעך

---

מזל טוב

אײך טײערע פרײנט, מלכה און אברהם פרוכטענבערג צו דער חתונה פון אײערע קינדער רבקהלע און חנהלע, דערלעבט אין זײ פיל גליק,

און טײערע קינדער מיט אײערע מענער:

זאָל אײער צוזאמענלעבן זײן פול מיט גליק און זײט געזונט

אײערע

ברכטשע, זײנװל און אונזערע קינדערלעך

---

מײן הארציקע באגריסונג צו דער חתונה פון מײן קאָזינס טאָכטער אי העפנער פון פאריז. מײן נישט פארגעסענע קוזינעס אײניקל: אסתר בינע העפנער, פריער פערקאל: טײערער קאָזין ישראל העפנער

איך בין גליקליך צו הערן, אז איר און די פאמיליע לעבט און דאָס איז א דאנק אונזער בולעטין. האָט אסך נחת פון אײערע קינדער.

אײער קוזינע: אננא הערבסט, געװעזענע פערקאל.

---

אונזער גרױסע פרײד צום געזונט װערן פון פרוי בײטעל, לאָמיר האָפן אז איר װעט קײנמאָל נישט מער זײן קראנק.

אין נאָמען פון אלע זשעלעכאָװער

ל. װ״ס

---

צום גליקליכן דורכמאכן די אָפעראציע פון פרוי בײטעל, װאונשן מיר איר, א גיכן געזונט װערן און מער קײנמאָל ניט זײן קראנק.

די זשעלעכאָװער אין פאנאמא און אין קאָלאָן

סעקרעטאר שמעון באראן

---

א הארציקן פאָר געזונט

דער פאמיליע טאָבטשע און משה בײטעל, צו זײער אָפפאָר פון פאנאמא אין די שטאטן, זײט געזונט און זאָל אײך זײן װי אמבעסטן אין אײער נײער הײם.

פאר די זשעלעכאָװער אין פאנאמא און אין קאָלאָן

סעקרעטאר שמעון באראן

חיים העפנער טויט

סאיז צו אונז דערגאנגען די ידיעה, אז אין נויארק איז געשטארבן חיים העפנער, אדער בעסער באקאנט אלס חיים ישראל משה איטשעס.

מיר דרוקן אויס אונזער מיטגעפיל די פרוי

---

אונזער מיטגעפיל אויסדרוק צו די קינדער פון גרשון פערקאל

טײערע קינדערן צוזאמען מיט אײך טרויערן מיר אויף דעם גרויסן פארלוס פון אײער ליבן געטרײען פאטער. װאס איז אזוי טראגיש אומגעקומען.

געפינט א טרײסט אין דעם װאס אײער פאטער איז געװען געשעצט בײ יעדן װאס האט אים געקענט. מיר װאונשן אײך צו זײן אין זעלבן װעג און צו האבן א בעסער און גליקליך לעבן: ערע זײן אנדענקן

טאנטע אננא, העלען הערבסט און קינדער

---

איבערגעדרוקט פון בונדישן זשורנאל

״אונזער צײט״

# גרשון פערקאַל

גרשון פערקאַל, אַ טעטיקער יידישער סאָציאַליסטי־שער טוער אין שיקאַגאָ, איז אויף אַ טראַגישן אופן אומגעקומען ביי דער אַרבעט מיט אַ קורצער צייט צוריק.

פערקעל האָט געאַרבעט ביי בוקסבאַום און קאָמפּאַני, 1700 סאַוט אינדיאַנאַ עוועניו, אַלס נאַכט־אויפזעער. פאַרנדיק מיטן עלעווייטאָר האָט פאַסירט אַן אומגליקס־פאַל. דער עלעווייטאָר איז אַראָפּגעפאַלן פון עטלעכע פלאָר און ער איז מאָמענטאַל געהרגעט געוואָרן.

ער האָט איבערגעלאָזט צוויי טעכטער און אַ זון, און אַן איינִיקל.

פערקאַל איז אַלט געוועזן 56 יאָר. ער איז געקומען קיין שיקאַגאָ פון דעטראָיט מיט אַ יאָר 15 צוריק.

ער איז געבוירן געוואָרן אין זשעלעכאָוו, פוילן. אין זיינע יוגנט־יאָרן שליסט ער זיך אָן אין „בונד“ און בלייבט שוין טריי זיינע אידעאַלן ביז זיין טראַגישן, פלוצלונגדיקן טויט.

אין די יאָרן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער געוואוינט אין לאָדזש. ער איז געווען פון די הויפּט־פאַרדינער אין זיין פאַמיליע, וועלכע האָט געלעבט אין גרויסער נויט. אין האַרבסט 1912 ווערט ער אַרעסטירט פאַר זיין טעטיקייט אין „בונד“ און נאָך 8 חדשים אָפּזיצן אין צאַרישער תפיסה, ווערט ער אַרויסגעשיקט אַדמיניסטראַטיוו קיין זדונסקע־וואָליע אונטער פּאָליציי־אויפזיכט. ער אַנטלויפט פון דאָרט און קומט קיין בעלכאַטאָוו, וואו ער פאַרבלייבט זומער 1913. אַרום אים גרופּירן זיך יונגע יידישע אַרבעטער, פאַר וועלכע ער טרעט אָפט אַרויס. ער פאַרשפּרייט די פּעטערבורגער „צייט“. ער אָרגאַניזירט אַ ביבליאָ־טעק פון די אויסגאַבן פון בונדישן פאַרלאַג „די וועלט“. ער האָט מיט זיין אַרבעט באַשאַפן אַ באָדן פאַר באַנייען די בונדישע אָרגאַניזאַציע אין בעלכאַטאָוו, וועלכע איז זיך כמעט פאַנאַנדערגעפאַלן נאָכן גרויסן אַרעסט אין יאַנואַר 1908.

נאָך דעם, ווי ער האָט עמיגרירט קיין אַמעריקע, איז ער אויך אין דער נייער היים געבליבן דער זעל־ביקער געטרייער בונדיסט, ווי ער איז געווען אין פוילן. ווי אַזעלכער איז ער געווען טעטיק אין שי־קאַגאָ אין אַלבערט־איינשטיין־בּרענטש פון אַרבעטער־רינג, אין יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, „אָרט“, אין די „פריינט פון בונד“ און אין אַנדערע אָרגאַניזאַציעס.

מיטגלידער און פאָרשטייער פון די אַלע אָרגאַניזאַ־ציעס האָבן זיך באַטייליקט אין דער לוויה פון אי־בערגעגעבענעם יידישן סאָציאַליסטישן טוער — אַ קרבן פון אַרבעט.

כבוד זיין אָנדענק!

---

אונזער הארציקן מיטגעפיל רחל ר״כענבערג און פאמיליע

מיר זײנען דערשיטערט פון דער טרויריקער נ״עס.

ח״סט ניט פון ק״ן צער.

אסתר שאלעק אלטמאן - פאנאמא

## אדרעסן פאַר אונזערע אבאָנענטן!

זוכענדיק די באַקװעמליכקײט פון אונזערע זשעלעכאָװער אלס אבאָנענטן פון אונזער בולעטין, האָבן מיר באַשלאָסן דורכצופירן עפּעס װאָס מיר האַלטן װעט זײן פון גרויסן נוצן פאַר אלע אונזערע זשעלעכאָװער.

פיל מאָל װענדן זיך צו אונז זשעלעכאָװער אבאָנענטן און נישט אבאָנענטן װעגן אַנאַדרעס פון װעלכן זשעלעכאָװער, נישט שטענדיק זײנען מיר בכוח אנטקעגן צו קומען די ביטע, װײל אין אסך פאַלן האָבן מיר נישט דעם געבעטענעם אדרעס.

אין אנדערע פאַלן שרײבט מען צו אונז, אָדער מען גיט אונז אָן װעלכן סאַיז אדרעס פון א זשעלעכאָװער, קאָן מען אָבער דעם אדרעס נישט איבערלײענען צוליב דעם װאָס דער אדרעס איז געשריבן נישט דײטליך.

מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן אָפּצודרוקן די אדרעסן פון אלע אונזערע אבאָנענטן, מיר שטרײכן אונטער, אז נישט די אדרעסן פון אלע זשעלעכאָװער, נאָר בלויז די אדרעסן פון די אבאָנענטן, װײל די אַרבעט פירט אָדורך די רעדאַקציע פון בולעטין.

האָבן מיר באַשלאָסן אָפּצודרוקן די אדרעסן פון אונזערע אבאָנענטן אין עטליכע קאָפּיעס, אין ביכלעך.

יעדער אבאָנענט װעט באַקומען ביכלעך מיט 15 מאָל די אדרעסן פון אלע אבאָנענטן דורכגעלעכערט לײכט צום ארױסטערײסן יעדן אדרעס װעלכער װעט זײן אויף דער צװײטער זײט מיט קלעבעכץ װי אַפּאָסט מאַרקע.

פאַר דעם צװעק װענדן מיר זיך דאָס ערשטע צו די סעקרעטאַרן פון די גרפּן, װענדט אײך צו יעדן זשעלעכאָװער אין אײער אָרט, אפילו צו די װעלכע זײנען נישט קײן אבאָנענטן, אָבער די לעצטע װעלן מוזן פריער װערן אבאָנענטן, אז יעדער זאָל אײך װאָס פריער געבן זײן אדרעס געשריבן אויף א שרײב־מאַשין און װי װײט מעגליך קורץ.

אויך װענדן מיר זיך צו די יחידים, דאָרט װי קײן גרופּע עקזיסטירט נישט, נישט בלויז איר אלײן, נאָר רײדט זיך דורך מיט די איבעריקע זשעלעכאָװער אין אײער געגעבענעם אָרט, אז זײ זאָלן װערן אבאָנענטן און צושיקן יעדער זײן אדרעס, און שפּעטער נישט דאַרפן באַדויערן, אז זײ געפונען זיך נישט אין די אדרעסן.

געדענקט, אז דאָס דורכפירן די װיכטיקע אַרבעט איז אָפּהענגיק אין אײך אלײן, װאָס פריער דאָס דורכצופירן.

די רעדאַקציע

װעגן אלע ענינים זיך װענדן אויף פאָלגענדן אדרעס

MORRIS "X" WEISS
3849 GRENSHAW STREET
CHICAGO 24, ILLINOIS, U.S.A.

MORRIS "X" WEISS
3507 West 12th Place
Chicago 23, Illinois
RETURN POSTAGE GUARANTEED







CHICAGO
JUN 15
730 PM
1950
ILL.

29

1st Class

פרל וויסנברג
משמר השבעה
רחוב 15
ישראל

EL